STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01933

DRAMEN

Peretz Hirschbein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּרץ הירשביין.

דראַמען.

יואל.
די ערד.
תּקיעת־כּף.

פערלאַג　　　　　　פערקויף:
„פּראגרעס“, װאַרשאַ. גע. „צענטראַל“, װאַרשאַ.

1913.

ВАРШАВА
Типографія Левинъ-Эпштейнъ, Павлиная [illegible]

יואל.

פֶּערְזָאנֶען.

אֵלִיָה א דאָרף־שניידער

מְנוּחָה זיין ווייב

יוֹאֵל זייער זוהן

חַוָה מנוחה'ס אפליעמיאניצע, א יתומה.

דֶער רָב.

זַלְמָן גבאי.

גָאלְדֶע א שכן'טע.

נָחוּם'טְשֶׁע }
בֶּער'טְשֶׁע } לערנער.
חַיִים'טְשֶׁע }

צייט: די פערגאנגענע.

די רעכטע איבער־צו־זעצען דיזע פיעסע אויף אַנאנדער שפראך בעהאלט דער אויטאר פאר זיך, וועגען אַלע ליטערארישע ענינים זיך ווענדען:

ביכער פערלאג „פראגרעס" ווארשא נאלעווקי 36

ערשטער אקט.

ביי אליה דעם שניידער.

א שמאלער, נידריגער צימער. צוויי קליינע פענסטערלעך אין דער רעכטער וואנד. לינקס — א טהיר אויף דער גאס ארויס. דאס מעבעל בעשטעהט פון א טיש, א פאר בענקלעך, א גראטקע, א פאליצע מיט פערשטויבטע ספרים א. ד. ג. אין דעם הינטער=גרונד זעהט זיך א צווייטער צימער שענער אויפגערוימט. די טהיר מיט א גלעזערנע שייבעל איז אפען און עס זעהט זיך א פלייצקע פון א הילצערנע בעט. ביים ווייט א פענסטער און נעבען איהם א טישעל.

פאר נאכט. ענדע זומער.

אליה.

(ער זיצט ביים טיש, וועלכער שטעהט נעבען פענסטער און נעהט א פויערשע סיערמיעגע. ס'ווערט טונקעלער און איהם איז שווער צו נעהען, ווישט ער דעם טוי פון די שויבען אונטערברומענדיג א ניגון'דיל).

מנוחה.

(קומט אריין פון דער גאס. אויף'ן קאפ א טוך. זי טראגט א בגד אויפן האנד. צו אליה'ן):

— וואס בלענדסטו זיך די אויגען? וועסט מארגען ענדיגען.

אליה.

— וואס טראגסטו אזוינס?

מ נ ו ח ה (בעוויזט איהם אנ'אלטען קאפטען):

— צו פערדריבכטען. א נו אדרבה, טרעף וועמעס עס איז?

א ל י ה (טאפט).

— אטלעס! כ'קען שווערען — דעם רב'ס שבת'דיגער אויבער־בגד — צו פערדריבכטען?

מ נ ו ח ה.

— און די עלענבויגענס אויסגעריבען... פרעגסטו גאר נישט ווי איך קום אהין?

א ל י ה.

— כ'טראכט עס טאקי.

מ נ ו ח ה (צופריעדען).

— פרעג שוין בעסער גאר נישט.

א ל י ה

— מסתמא יואל, וואס?

מ נ ו ח ה.

— איך בין פערבייגעגאנגען דאס בית־מדרש געסעל, הער איך מען רופט: „מנוחה! מנוחה!“ כ'קוק מיר אום — די רבי'צין שטעהט אין פענסטער און רופט. כ'האב מיר פערשעמט: אזא הילוך ווי איך געה; טאמער פרעמדע מענשען דארט.

אליה.

— וואס ושע האט זי דיך געדארפט?

מנוחה.

— הערסטו דאך, רוימט זי מיר איין א סוד אין אויער, אז יואל איז דארט ביי זיי. שוין אפשר זעקס שעה זיצט ער פעו שבארט מיט'ן רב אין איין חדר און לערנען. (זי שוויגט א ווילע) נו וואס זאגסטו, אליה?

אליה.

— וואס זאל איך זאגען? וואס קען א פראסטער מענש זאגען? (ער בלייבט א ווילע שטיל, א צופריעדענער שמייכעל צוגיסט זיך איהם אויף זיין פנים. בעקוקט נאך אמאל דעם רב'ס בגד). דעם רב'ס שבת'דיגער מלבוש... ווייסט אז אין דעם מלבוש געהט ער שבת צו דער תורה?

מנוחה.

— איך בין דארט א ווילע געשטאנען. כ'האב געהערט זייער ביידענס קול. ער האט דעם רב איבערגעשריען. אזוי ווי מיט א הייזעריגקייט האט ער גערעדט; אזוי צוהיצט און דער רב האט אלץ פער'גאפ'ט אונטערגעכאפט: „יא, און וואס ווייטער, וואס ווייטער"...

אליה.

— קענסטו אפשר חאטש אפאר ווערטער איבערזאגען פון זייער לערנען?

מנוחה.

— ווי רעדסטו אזא נארישקייט? ווי קום איך דערצו?

אליה.

— און וואָס האָט די רבי'צין גערעדט צו דיר?

מנוחה.

— קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען ווי זי האָט גערעדט מיט מיר... טאַקי עפּיס פון גאַנצען הארצען. געזעהן עפּיס, ווי אַ מענש װינשט מיר גוטס.

אליה.

— טאָ צינד מיר טאַקי אָן דעם לאָמפּ.

מנוחה.

(זי צינדט אָן דעם הענג־לעמפּעל, וואָס בײַ אליה'ן איבערן טיש).

— „געבענשט זאָל זײַן די מאַמע" — האָט זי געזאָגט פון רב'ס וועגען.

אליה (בעקוקט פאַר'ן לאָמפּ די קאַפּאָטע).

— אַטלעס ווי עס גלאַנצט! זעהסטו, מנוחה, אין די עלענבויגענס דורך־געריסען. פון קלערען קומט עס! שטענדיג אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אויף די הענד.

מנוחה.

— דער רב מוז האָבען אַ גרויסען שטערן... און יואל'ס שטערן... הערסט, אליה, מיר דוכט זיך צײַטענווײַז, אויף יואל'ס שטערן לײַכט עפּיס... די שכינה זאָל עס לײַכטען? וואָס זאָגסטו, אליה?

אליה.

(וועלבער איז פאר׳עסק׳ט מיט דער קאפאטע).

— ווי דין דער אטלעס איז! דינער נאך ווי זייד. געוואוינט צו האלטען צווישען די פינגער פויערשע סיערמיעגעס... הערסט, מנוחה? מען וועט בעדארפען קויפען גאר אנדערע נאדלען. ס׳איז ביי מיר גאר אזא דינע נאדעל ניטא. ס׳מוז נאך געווים זיין דאס חופה־מלבוש. רבנים צו דער חופה נעהט מען אזוינע בגדים.

מנוחה.

— און אונזער יואל׳ן?

אליה.

— וואלט נאר האלטען דאבייַ. הערסט, מנוחה? איך נעה דאך מיין גאנצען לעבען פויערשע סיערמיעגעס, נאר פאר איהם, פאר מיין קינד —

מנוחה.

— געזונד און שטארק זאל ער מיר נאר זיין!

אליה.

— פאר מיין קינד וואלט איך אליין מיט מיינע אייגענע הענד גענעהט. פון די דינסטע אטלעס — און אליין. זאל ער געדענקען. פערשטעהסט, אז דער טאטע זיינער האט איהם גאר ניט געקענט געבען; נישט מזכה זיין איהם חאטשע מיט א פסוק חומש — איז צו דער חופה... אריין־נעהען איהם אין זיין אויבער־בגד, אין די נעט, אלץ וואס א טאטע טראגט אין הארצען.

מ נ ו ח ה.

— נאַרישער מענש איינער.

א ל י ה.

— ביזט אַ קינד, מיינסטו אַז כ'בין אַן עם־הארץ, נישט געלערענט און נישט פערשטאַנען... ס'איז אָבער פאַרהאַן אַזוינס וואָס אַפילו אַ פּראָסטער שניידער קען פיהלען. (היצט זיך) אַלץ איז דאָך פון גאָט. פערשטעהסט, אַלץ: און איך, און דו, און אונזער קינד וואָס מיר האָבען...

מ נ ו ח ה.

— געזונד און שטאַרק זאָל ער מיר נאָר זיין!

א ל י ה.

— אַלץ איז פון גאָט. און אַז גאָט איז פאַרהאַן — ווייסטו דאָך. וואָרום ווי איז עס געשיקט? דאַצו קען איך דאָך אַ שניידער אויך זיין, מיט מיין שניידערשען שכל — דו פערשטעהסט?

מ נ ו ח ה (זי קוקט איהם אָן פערוואונדערט).

— און צו דער חופּה?

א ל י ה.

— זאָג איך דאָך דיר, אַז איך מיט מיין שניידערשען שכל, געפיהל, זעה עס אַלץ. אין דעם אַטלעסענעם מלבוש, אין די נעט וועל איך איהם מיין שניידערשען געדאַנק אַריינגנעהען. און כ'וועל טראַכטען פון גאָט וואָס האָט מיר אַזאַ ליכט איבער מיין קאָפּ אָנגעצונדען... האַ, מנוחה? פערשטעהסטו וואָס מען רעדט צו דיר?...

מנוחה.

— אפשר ביזטו געךעכט.

אליה.

— וואס איז שייך געךעכט? אימעצער זאגט דען, מיר זענען אונגעךעכט? איז דא א גאט אויף דער וועלט — איז דאך אלץ פון איהם! איז דען שייך געךעכט און אונגעךעכט? א יודענע פערשטעהט ניט.

מנוחה (בעליידיגט).

— וואס ווילסטו פון מיר? וואס פערשטעה איך דיר דא ניט? ווי דען, אלץ פערשטעה איך, אלץ.

אליה.

— טא וואס זשע שטעהסטו ווי א גלאמפ, ווי דו וואלסט גאר ניט וויסען, וואס מען רעדט צו דיר?

מנוחה (מיט טרעהרען אין די אויגען).

— א נארישער געדאנק דרומעלט זיך מיר אין קאפ.

אליה.

— וואס ווידער? וואס פאר א געדאנקען? האסטו זיך איינגעהערט, וואס מען האט גערעדט צו דיר? ס'איז דא א גאט? זאג!

מנוחה.

— ווי פרעגסטו גאר אזוינע ווערטער?

אליה.

— איז דאָ, מיין איך — מיינסטו — וויל איך זאָגען, שוין! אוים געראַנקען!

מנוחה.

— ווילסט אַפילו נישט אויסהערען.

אליה.

— ס'איז דען פאַרהאַן פון וואָס צו הערען? אַז דו וויינסט שוין, איז דאָך שוין נאַרישקייט, טאָ וואָס האָב איך דאָ צו הערען?

מנוחה.

— באשר מאַנסלייט קענען נישט וויינען! כ'וויים נאָך נישט וועמען ס'איז בעסער. וויבער וויינען פאַר גליק, אַז דער וואָס אין הימעל זאָל אויסהיטען פון אונגליק... ווענינ אונגליקען איז פאַרהאַנען אויף דער וועלט...

אליה.

— וואָס פלוידערסטו? ביזט דאָך געקומען מיט אַ ליכטיג פּנים און איצטער — זעה, דו וויינסט דאָך...

מנוחה.

— אָבער הער=זשע אוים, איצטער גיסען זיך מיר די טרערען און כ'וויים אַליין נישט פאַר וואָס... ביי נאַכט, ס'איז שטיל אין שטוב כ'ליגע אין בעט, קוק זיך אַרום אין דער פינסטערקייט און איך זעה

גאָר ניִשט אַרום זיך... פּונקט יעמאָלט, ווען מיִט די אויגען קען איך גאָר ניִשט זעהן ווערט מיִר אין מיין קאָפּ אַזוי קלאָר... און יעמאָלט פרעג איך ביי זיך אַליין: „מיִט וואָס, מנוחה, זאָג מיִר, מיִט וואָס האָסטו פערדיִענט ביי גאָט, אַז ביי דיִר, אין דיינע ווינקעלעך זאָל די זונן לייכטען? אַז פון דיינע גערערעם זאָל אַזאַ שטיִק ליִכט אַרויס־קומען? מנוחה, אונטער דיין הארצען..." און כ'וויים טאַקי ניִשט פאַר וואָס — קוק איך אויף יואַל'ן און זעה ווי זיין צורה לייכט, פרעג איך מיִר אַליין: איז עס דיין קיִנד? פאַר וואָס קומט עס דיִר? און מיִר דוכט זיך, אַז אָט, אָט...

אליה (ווי דערשראָקען).

— ווערסטו אפשר שוויגען?!

מנוחה.

— זעהסטו דאָך! דו אויך.. כ'לייען דאָך פון דיין פּנים, דו טראַכסט אויך דאָס אייגענע...

אליה.

— מיִר מעגען זיך טראַכטען, אַז ווערטה ביי גאָט זענען מיִר ניִשט — און גאָט'ס חסד איז גאָר עפּיִס אַנדערש. זיין חסד איז שוין אַ קאָפּ בעסער פון דיין ווייבערשען שׂכל... אָט בעסער ברענג מיִר אַ דיִנע נאָדעל מיִט דיִנע פאָדעם און כ'וועל מיִר זעצען פאַרריִכטען דעם רב'ס בגד.

מנוחה.

(שמעהט פערטראַכט).

אליה.

— וואָס האָסטו זיך פֿערטראַכט ?... זעה, וואָס איז מיט דיר ?

מנוחה (ערוואַכענד).

— רבונו של עולם ! היט מיר איהם אײן... נאָר דו ! — נאָר דו...

אליה.

— ביזטו דאָך אַ נאַר, ביזטו דאָך אַ פֿערד'ל. אַ מאַלאָדיעץ ביזטו זיך, נאָר פֿאַר אַזױנע שטות'ערײען קומט דיר גט...

מנוחה (װישט די טרערען).

— נאַרישקײטען, אליה, נאַרישקײטען. ס'האָט זיך מיר נאָר אַזױ אױסגעדוכט. כ'װעל אָנלעגען אַ פֿײער און מאַכען פֿאַר איהם אַנ'עסען. דאָס טעלער'ל פֿון הימעל, אַ חלק פֿון מײן גן עדן כ'װאָלט קענען פֿאַר איהם אַראָפּברענגען (מאַכט פֿײער אין אױװען).

אליה.

(װעלבער איז געשטאַנען פֿערטראַכט — ברעכט פּלוצלונג אױס מיט אַנ'אונגעלומפּערטען געלעכטער).

— חאַ — חאַ — חאַ — אליה ! דו ביזט אַ טפּש און דו האָסט אַ װײב אַ טפּשה, חאַ — חאַ — חאַ !

מנוחה (צושראָקען).

— װאָס איז, אליה ?!

אליה.

— עך, דו נאַרישע אשה! (גלעט זי) ביזט מיין ווייב, מיין כשר'ער זיווג, אונטערגעשריבען פון דעם ערשטען טאָג נאָך. הערסטו, ווען מיר זענען נאָך ביידע אויף דער וועלט נישט געווען און גאָט האָט אַ קוק געגעבען אויף אליה'ן מיט מנוחה'ן און אַ זאָג געטהון: אַט זאָל אליה מיט מנוחה'ן לעבען אַ וואוילען טאָג! זאָלען זיי! זאָלען זיי!... זאָלען זיי האָבען אַ זוהנעלע, וואָס די שטאָדט זאָל זיך מיט איהם בענטשען; וואָס דער רב זאָל פאַר איהם אויף די שפּיצען פינגער שטעהן... פערשטעהסטו נאַרישע יודענע, וואָס מען רעדט צו דיר? וואָס קוקסטו מיר אַזוי אָן? מיינסט, כ'בין, חלילה, נישט ביים קלאָרען זינען? — קלאָרע דבורים! וואָס, נישט? עס ברענט דער פייער אין אויווען, נעהם שטעל עפּיס צו אַזוי... אַז — עך, דו מנוחה, נאַריש קינד, וואָס וויינסטו? וואָס וויינסטו?

מנוחה (ווישט זיך פונאַנדער. בליפּעט).

— וואָס זאָל איך טהון?... וואָס זאָל איך טהון?

אליה (ער גלעט זי).

— טפשה מיינע, וואָס איז מיט דיר? וואָס ווילסטו טהון?

מנוחה.

— עס שרעקט זיך, עס קלאַפּט מיר דאָס האַרץ. אליה, מיר זענען עס נישט ווערטה.

אליה.

— ווערטה ביי גאָט! ווערטה! שוין איין מאָל געזאָגט, צי

דאַווען איך נישט? כ'פערשטעה אפילו נישט דאָס וואָס כ'דאַווען — אָבער מיין כּוָנה... אַלץ ליגט ביי מיר אין האַרצען, פערשטעהסט אין וואָס די נפקא מינה בעשטעהט? דער רב, אָדער אַזוי גלאַט אַ לַמדן, איז אַ־ע געדאַנקען ביי איהם קלאָר, ער זאָגט און ווייסט וואָס ער זאָגט, ער קען אֶפשר אַרויסזאָגען אַ מאָל וואָס ער פיהלט אויך, און ביי מיר ליגט עס אין האַרצען ווי אַ גרויסער קנויל פער־וויקעלט; און דער עיקר איז עס אין רעכטען מיטען ווי אַ קניפּעלע... און דאָס קניפּעלע קען איך נישט אַרויסרעדען, און דאָס אייגענע ביזטו אויך... נאָר מען בעדאַרף נישט. — גאָר נישט נישט, אין גאַנצען איבעריג, אַט דאָס קניפּעלע איז פאַר דעם וואָס אין הימעל קלאָר. ער ווייסט וואָס אין דעם קנויל טהוט זיך... פערשטעהסט זיך, מיר זענען ווערטה! (שטיל).

מנוחה (שטעלט צו וואַסער אין אויוועֶן).

אליה (וואַשט די הענד).

— אַט, וועל איך באַלד דאַווענען מעריב, וואָס נאָך? מנחה אויך געדאַוועֶנט צו דער צייט, אֶפשר נישט מיט אַ מנין — אָבער גאָט ווייסט אַלץ, (ס'הערט זיך רעדען הונטער'ן טהיר).

מנוחה.

— כ'לעבען, אימעצער געהט אהער. (הערט זיך צו).

אליה.

— דעם רב'ס קול, הערסט?

מנוחה.

— און יואל'ס קול דערקענסטו ניִשט? יואל מיִט'ן רב!

אליה (מהוט אָן שנעל אַ קאַפּטען).

— דער רב מיִט איהם...

(ס'עפענט זיך די טהיר און אין שטוב קומען אריין דער רב גרייז-גראָה, מיִט אַ שטריימעל אויפ'ן קאָפּ. נאָך איהם יואל. ביידע האַלטען אין רעכטען מיִטען רעדען אין תורה, צוהיִצט. זיי שטעלען ניִט אָב זייער שמועס וועהרענד זיי געהען אריין).

אליה (כאַפּט זיך ארויס פריִהער).

— אַ גוטער נ'אָבענד, רבי! (טרעגט אָב אין אַ זייט).

דער רב (אויטאָמאַטיִש).

— אַ גוטער אָבענד — אַ גוטער יאָהר! (ער בלייבט שטעהן מיִט יואל'ן אין מיִטען שטוב — ווי זיי וואָלטען גאָר ניִט שפּירען, אז זיי זעֶען אין אַ צימער. אליה און מנוחה שטעהען אין אַ זייט מיִט גרויס דרך-ארץ).

דער רב (צו יואל'ן צוהיִצט).

— און די ערד פרעגט זיך וואָס בעדייט? און אַלץ וואָס איבער דער ערד... און דער היִמעל און אַלץ וואָס אין היִמעל — אָט וואו דאָס רעכטע פּינטעלע שטעהט... קענסטו אָפשר אַ פסוק זיך דער-מאָהנען, יואל?

יואל.

— די היִמלען דערצעהלען דעם כבוד פון גאָט און פון אלע זיינע

וואונדער־ווערק דערצעהלען די הימלען.

דער רב.

— אט, דאס מיינט מען מיין קינד! דאס מיינט מען..

יואל.

— צו וואס גראבט מען טיפע גראבענס ביים זייט וועג? ווארום ס'איז גלייכער אין א טיפען גראבען אריינצופאלען איידער פון גלייכען וועג אראב־צו־געהן.

דער רב (צופריעדען).

— גאט'ס ווערטער אונטער דיין צונג, מיין קינד; גאט'ס חסד אויף דיין קאפ, (ער ווענדט זיך אין דער זייט וואו אליה און מנוחה שטעהען פערגאפט) אין די געדערעם ביי דער מוטער, ווען דאס קינד ליעגט נאך אין א קנויל פערוויקעלט, ברענט א ליכט ביי איהר צוקאפענס. וואויל איז צו דעם ווען דאס ליכט פון חסד לייכט איהם דאס גאנצע לעבען... וואס ס'דו יואל עפיס זאגען אויף דעם?

יואל.

— עס שיינט די זון ביי טאג; עס שיינט די לבנה און שטערען ביי נאכט. פונקען זיי אלע מיט ליכט און לויטערקייט. פונקעלט פון זיי אלעמען ארויס דער אמת... און פונ'ם אמת ווינקט זיין חסד... עס שפראצען די גרעזער פון דער ערד ארויס און פערוועלקען: זאל עס דער מענש זעהן; צום טרוקענעם גרעזעלע בויגען זיין קאפ און זעהן — וואו דער אנהויב איז און וואו דער סוף איז... דער אנהויב איז — אמת און דער סוף פון אלעמען איז ווידער — אמת, און צווישען אנהויב

און סוף איז חסד... אמת און חסד, דאָס איז דער גאַרטעל וואָס הילט אונז אַלעמען איין... דאָס איז דער שנור וואָס קניפּט די הויכע הימלען מיט דער שפּל'דיגער ערד. ווער עס רייסט די פעדעם, וואָס בעהעפטען הימעל מיט ערד, אויף איהם איז געזאָגט געוואָרען: צוליעב דעם זינד ווערט דאָס ליכט איינגעטהון...

דער רב (האַלט יואל'ן).

— וואויל צו די אויערן וואָס הערען אַזוינע ווערטער. וואויל צו די אויגען וואָס זעהען אַזוינס, נישט נאָר אין פּלפּול אַליין, אין חידושי תורה איז אַלץ פאַר דיר אָפען — אין די סודות פון גאָט מיט זיינע מענשען אויף דער ערד קוקט אויך אַריין דיין ליכטיג אויג... (פּלוצלונג) וואו זענען מיר, יואל?

יואל.

— ביי מיר אין דער היים, דאָס איז מיין פאָטער און דאָס איז מיין מוטער.

דער רב (שמייכעלט צופריעדען).

— דאָס ליכט פון דער יוגענד האָט מיך געצווינגען און געפיהרט און כ'האָב אַליין ניט געפיהלט.

אליה (צו מנוחה'ן).

— צינד נאָך אָן אַ ליכט לכבוד דעם רבי'ן.

מנוחה (צינדט אָן נאָך אַקליין וואַנד־לעמפּעל).

— יואל, מיין קינד, זאָל דער רבי זיצען.

אליה.

— זאָל דער רבי זיצען.

דער רב (ער קוקט זיך אַרום, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ).

— צי דען נאָר אין די הויכע פּאַלאַצען איז זיין נאָמען?... אין דער נידער, אין דער פינסטערניש...

אליה

— זאָל דער רבי זיצען (ער שטעלט נעבען רב אַבענקעל) מיין קינד, זאָל דער רבי זיצען.

דער רב.

(ווי ער וואָלט זיך וועלען אָן עפּיס דערמאָהנען, צופריעדען).

— אָט דאָס איז עס. דאָס איז עס... זעץ זיך יואל. זעץ זיך מיין קינד (ער זעצט זיך).

יואל (זיצט פערטראַכט, דער קאָפּ אַראָבגעלאָזען).

מנוחה.

— כ'וואָלט עס געוועזט וויסען אַז אַזאַ גאַסט וועל איך האָבען ביי זיך אין שטוב.

דער רב (פּלוצלונג, מיט אַ געהויבענער שטימע צו אליה'ן).

— זעצט זיך, מחותן!

אליה.

— וואָס מיינט, דער רבי?

דער רב.

— דער רב וויל זיך מתחתן זיין מיט אליה'ן דעם דארף־שנײַדער. (שטיל) נו, וואס שווײַגסטו?

אליה (ווי פערלאָרען).

— כ'בין עס נישט ווערטה, רבי.

מנוחה.

— ס'איז נישט נאך אונזערע פערדיענסטען.

דער רב.

— איז דען בעוואוסט וועמעס זכות ס'איז גרעסער? אַ יגיע כפים, אַ מענש וואס האָרעוועט מיט'ן ביטערן שווייס... (שטיל) נו, רבי אליה, וואס שווײַגט איהר? מיין פרומע און הערליבע אסתר און יואל..

אליה.

— זאָל מיין קינד זאָגען.

יואל (זיצט ווי פערשטיינערט)

דער רב.

— און וואס זאָגסטו, מיין קינד?

יואל (רעגט זיך, ענטפערט ניט).

דער רב.

— דער רב וויל זיך מתחתן זיין מיט אליה דעם שנײַדער. ער

ווײל זײן טאָכטער אָסתּר מיט אליה דעם שנײדערס זוהן זאָלען צו דער חופּה געהן... (אַלע שווײַגען) אָפשר בין איך עס נישט ווערטה? אָפשר מײַן קינד נישט ווערטה?... וואָס זשע שווײַגט איהר?

אליה.

— כ'האָב עס מורא איבער מײַן מויל אַרויס־צו־ברענגען.

מנוחה.

— כ'האָב עס מורא פון מויל אַרויס־צו־רעדען.

דער רב.

— אין וואָס בעשטעהט די מורא?

אליה.

— מיט אַ מענשען זאָל זיך נישט טרעפען, אַזוי, נישט נאָך זײַנע ווערטהען נאָך. אַז כ'ען פערדיענט נישט, איז נישט, רבי.

דער רב.

— וואָס זאָגסטו, יואל? ווי האָבען מיר געלערענט? זאָג, יואל, ווי האָט די תּורה געזאָגט?

יואל.

— מִשָּׁמַיִם הִבִּיט ה׳, רָאָה אֶת כָּל בְּנֵי הָאָדָם.

דער רב.

— ווײסטו אליה דעם טײַטש דאַפון? (קלאַפּט אליה'ן איבער'ן פּלײצע)

איִסטו אליה, דאָס וואָס דײַן זוהן האָט איצטער געזאָגט?

אליה.

— זאָל מיר דער רבי פערטײַטשען.

דער רב.

— פונ'ם הימעל לוגט גאָט אראָב און ער זעהט אַלע מענשען... אַלע, אַלע! הערסט, אליה, אַלע מענשען! אַל—לע!

מנוחה (זי קושט יואלין).

— מײַן קינד, מײַן קינד! מיט וואָס האָב איך עס פערדיענט בײַ גאָט, מײַן כשר קינד...

יואל.

— נאָך דעם ווי עס שטעהט „אָנכי ה׳ אלהיך — איך בין דײַן גאָט — איז דערנאָך געזאָגט געוואָרען: „כּבד את אָביך ואת אמך".

מנוחה (מיט שמחה).

— איך ווײס, מײַן קינד, וואָס עס בעדײַט. איך ווײס, מײַן קינד, וואָס עס איז!

אליה (מיט מעהר דרײסט).

— איך האָב, רבי, גערעדט מיט דער טפשה מײַנער, האָב איך. אז דער עיקר איז דער קנויל וואָס ליעגט אין הארצען פערוויקעלט... אַ דן, זאָג איך, דער רבי זאָל לעבען, זאָג איך, קען אַלץ ארויס-רעדען אויף קלאָר, ער ווײסט שוין דעם געדאַנק אויף קלאָר, נאָך

בײַ מיר אין האַרצען איז עס ווי אַ קנויל, רבי... איהר פערשטעהט? (ער האַלט דעם רב) איך בין עס נישט ווערטה, רבי... נישט ווערטה, אפילו אײַער אַטלעסענע קאַפּאָטע מיט װעלכער איהר געהט צו דער היילינער תורה בין איך נישט ווערטה מיט מײַנע פינגער אָנצורירהען, איהר פערשטעהט? איך געה סיערמיענעם פאַר פויערים מיט אַ גראָבע נאָדעל, מיט ווײַסע שאַרע פאָדעם — ווי קום איך צו אַטלעס? אַזוי טענה איך, איך שרײַ, וואָס זאָגסטו, יואל מײַן קינד, וואָס זאָגסטו?

יואל (זיצט כערשטײַנערט).

מנוחה.

— רעד דו, מײַן קינד. רעד פאַר דײַן טאַטען, פאַר דײַן מאַמען. דײַן שׂכל איז בעלויכטען פון דער היילינער תורה.

יואל.

— כ'האָב געוואַרט וואָס מײַן טאַטע און מײַן מאַמע וועלען זאָגען.

אליה.

— דו, זאָג, זאָג.

מנוחה.

— נאָר דו, דו.

יואל (ער הויבט אויף זײַנע אויגען).

— מײַן האַרץ איז נאָך ווי בײַ אַ קינד יונג, כ'וויל נאָך בײַ דער תורה זיצען. (ער רעגט זיך).

דער רב.

— וואויל, וואויל, וועסט קענען תורה לערנען, ביי מיר אין מיין שטוב. דיין בעשערטע פון גאט, מיין טאָכטער, וועט אויף די שפּיצען פינגער אַרום דיר אומגעהן, זי זאָל דיר חלילה דיין געדאַנק ניט איבערמישען... בן שמונה עשרה לחופּה איז געזאָגט געוואָרען... און דו ביזט שוין ווייט אַריבער...

יואל.

— אָבער ווען מיין הארץ גלוסט תורה לערנען. (שטיל. אַלע קוקען צו איהם).

דער רב.

— ר' אליה, וואָס זאָגט איהר?

אליה.

— איך בין אַ פּראָסטער שניידער.

יואל.

— כ'האָב נאָך קיין מאָל נישט געטראַכט... (פּערהאַקט זיך, ס'איז צו מערקען זיין שמערצענהאַפטע אויפרעגונג, ער געהט צו אליה'ן). איך וויל טאַטע דו זאָלסט רעדען פאַר מיר, בעט, טאַטע, דעם רבין ער זאָל...

מנוחה.

— צי דען קען איך זאָגען יאָ אָדער ניין, אז דער רבי האָט זיך אַזוי נידריג אַראָבגעלאָזען. איך בין דאָך אַ יודענע; נישט

מעהר ווי א יודענע — וואס ווייס איך צו זאגען?

אליה.

— מסתמא איז דאך עס אלץ פון גאט, אלץ פון גאט — קען איך דען איבערמאכען? אזוי טענה איך מיינס.

דער רב (אליין מיט זיך, פערטראכט).

— די תורה... די תורה — יא די תורה — די הייליגע תורה... אין קאפ מוז מען עס ווי געהעריג איז איבערלעבען.

אליה (פלוצלונג, מיט דרייסט).

— רבי איך בין גרייט צו טהון אייער ווילען.

יואל.

(ער מאכט א בעוועגונג, ווי ער וואלט זיך וועלען ווערען, רעדט מיט איין אייגעהאלטענעם אויפגערעגטען טאן).

— ווילט איהר... אויב איהר ווילט.

מנוחה.

— קען איך דען נישט וועלען? (ס'קלאפט אימעצער הינטער דער טהיר).

אליה.

— אימעצער געהט אהער, מנוחה.

דער רב (ערוואכענד).

— אפשר דער שמש מיך רופען?

מנוחה (עפּענט די טהיר).

חוה

(קומט אַריין. שען געוואַקסען, פול מיט בעוועגונג, זי קוקט זיך אַרום, שמייכעלט צופריעדען, אַלע קוקען איהר אָן פערוואונדערט).

— גוט נ'אָבענד! איהר דערקענט מיך טאַקי נישט? (לאַכט).

מנוחה (איבערראַשט).

— כ'קען שווערען — חוה! טאַקי חוה! אליה, דאָס איז דאָך חוה, ווי קומסטו אַהער?... (זיי קושען זיך). נאָך'ן קול האָב איך זי דערקענט.

חוה (צו אליה'ן).

— און וואָס מאַכט איהר, פעטער? איהר האָט מיך נישט דער-קענט? חאַ-חאַ-חאַ, קיינער נישט דערקענט. (קוקט אָן יואל'ן) און דאָס ביזטו יואל'קע... דו האָסט מיך אויך נישט דערקענט, אַהאַ, יואל'קע, כ'האָב געזאָגט אַז כ'וועל נאָך אַמאָל קומען אַהער — געהאַלטען וואָרט!

יואל.

(קוקט זי אָן, נאָר זיין בליק פאַלט צו דער ערד).

אליה (צום רב).

— דאָס איז מיין שוועגערינ'ס, זאָל זיין אין גן-עדן — א טאָכטער, איהרע א שוועסטער'ס. קליינוויין ביי מיר געוואַקסען.

מנוחה.

— א קיילעכדיגע יתומה. גאָר א פּיצעלע געלאָזען די מאַמע איהרע.

חוה (צופריעדען אויפגערעגט).

— צוועלף יאהר בין איך אין גאנצען אלט געוועזען, ווען איהר האט מיך אבגעפיהרט צו דער מוהמען, נאך גאר א קליינינקע געוועזען, אמת יואל? מיר פלעגען זיך ביידע בעהאלטען אונטער'ן בעט, געדענקסט? שבת צו נאכט'ס איידער מען פלעגט אנצינדען ליכט פלעגען מיר זיך שפילען אין בעהעלטעניש, האסט מיך איין מאל פון אונטער דער מוהמעס פערענע ארויסגעשלעפט, חא — חא — חא, געדענקסט, יואל'קע?

דער רב.

— ביי איך רעדען אלע אזוי הויך?

חוה (איבערראשט, פערשעמט).

יואל.

— איך בין נאך יעמאלט אין חדר געגאנגען.

דער רב.

— צו הויך... פע מיין קינד.

אליה.

— רבי, דאס איז נישט פון געוואוינשאפט.

חוה (רעדט שטילער).

— איך בין דאך, פעטער'ל, שטענדיג א שטיפערקע געוועזען, איהר געדענקט, ווי כ'פלעג איך די באָרד אויסרייסען, — פערפליאנטערן איך די פאדעם.

מנוחה (וויינט).

— מיט דרך־ארץ אבּיסעלע מײַן קינד, דאָס איז דאָך אונזער רב. דו זעהסט גאָר נישט, צוליעב יואל'ס זכות דער רבי ביי אונז אין שטוב.

חוה.

(זי טרעט אָפּ אין א זייט האַלב בעלעדיגט האַלב פערוואונדערט).

— רעד איך דען אַזוי הויך?...

דער רב.

— געה איך דערווייל אַ היים, און דו, יואל מײַן קינד, און דו, יואל מײַן קינד, (זיין קול ציטערט) ווייסטו, אז צוויי וועגען זענען פאַראַנען... גערענק'זשע, צוויי וועגען זענען פאַראַן. — אַ גוטע נאַכט! אַ גוטע נאַכט! (ער קושט די מזוזה, געהט אַרויס, אַלע קוקען איהם נאָך אויסער יואל וועלכער זיצט ווי צומישט).

חוה.

— דאָס איז עס דער רב. כ'האָב איהם דערקענט.

אליה.

— דער רב איז עפּיס טרויעריג אַוועק.

מנוחה.

— איך בין עפּיס ווי צומישט, און ווייס נישט וואו כ'בין אין דער וועלט, (זי פאַלט נאָך אַמאָל הוה'ן אויפ'ן האַלז, אַ דויערנדעס קושען) בּיזט דאָך ס'איינציגע וואָס איז מיר איבערגעבליבּען נאָך חיענעלען... דאָס איינציגע... (קושט זי).

חוה.

— אָבער זעהט סאַראַ׳ גרויסע איך בין אויסגעוואַקסען! שטעל זיך יואל וועלען מיר זעהן ווער איז גרעסער...

אליה.

— ווייסט, מיין קינד, דער רב — אונזער רב, עפּיס נישט קיין קליינינקייט, ער איז דאָך געוועזען ביי אונז און איז עפּיס אוועק אומעדיג.

חוה.

— איך בין אזוי צוטראָגען אַז כ׳האָב איהם גאָר נישט אָנגעקוקט ווי ער האָט אויסגעזעהן... יואל וויל גאָר אפילו נישט קיין קיק געבען אויף מיר.

יואל (שטעלט זיך, שעמט זיך).

— וואו ביזטו געוועזען די גאַנצע צייט?

חוה.

— האַ — האַ, וואו כ׳בין געוועזען די גאַנצע צייט, כ׳האָב אלץ געוואַרט, אַז כ׳וועל גאָר אַ גרויסע אויסוואַקסען, איהר וועט מיך שוין נישט דערקאָנען — יעמאָלט וועל איך קומען צו אייך, איהר וועט מיך אָנקוקען, אָנקוקען און דערנאָך מיט אַמאָל: חוה! דאָס איז דאָך חוה.

מנוחה.

— ווייסט חוה׳לע וואָס דער רב האָט דאָ געטהון?

יואל (ארפגעלאָזען די אויגען).

— רעד נישט, מאַמע!

אליה.

— מיינע אויגען האָבען געקוקט און גאָר נישט געגלויבט.

מנוחה.

— אָפשר מאַכען דיר אַנ'עסען?

חוה.

— ניין, כ'וויל נישט עסען, כ'בין זאַט מיט איך אַלעמען, אַז איך וואָלט איך דערצעהלען ווי כ'האָב געבענקט אַהער צו איך... ווי כ'האָב איך שוין אַלעמען געוואָלט זעהן... ווי איך האָב צו דיר יואַ'קע געבענקט. — און דו ווילסט גאָר נישט אפילו אַ קוק געבען אויף מיר... מוזט שוין גאָר גוט קענען לערנען... אויף דיין שטערן איז אָנגעשריבען. (קוקט איהם אָן).

אליה.

— דער רב וויל נעהמען יואל'ן פאַר אַנ'איידעם.

חוה (איבערראַשט. זי ווערט בלאַס).

— יואַל'קע אַזוי גיך? גאָר נישט געוואַרט אויף מיר...

יואל.

(ער געהט אויף און אַב, וואַרפט צושראָקענע בליקען צו חוה'ן).

חוה.

— יואל, יואל... פערגעסען חוה'לען. געדענקסט, מיר האבען דאך אמאל אין טאטע־מאמע געשפיעלט, דער פעטער האט אונז ביידען מיט'ן בעזעם ארויסגעטריבען פון אונטערן בעט, (זי שטעלט זיך נעבען איהם) איהר זעהט, ביידע איין גרוים! (צופריעדען) ביידע איין גרוים!

אליה (ער ווינקט אונצופריעדען צו מנוחה'ן).

יואל (ווענדט זיך צום טהיר, ער וויל ארויסגעהן).

מנוחה.

— וואוהין אזוי שפעט?

יואל (ווי דערשראקען).

— איך געה אין בית מדרש אריין, כ'וועל שוין דארט בלייבען לערנען אויף א גאנצע נאכט.

חוה.

— דו אנטלויפסט פון מיר? און איך האב געמיינט, יואל'קע, דו וועסט דערזעהן דיין חוה'לען... וועסט זיך דערפרעהען... אזוי לאנג נישט געזעהן, אך יואל'קע. —

מנוחה.

— וואו וועסטו שוין היינטיגע נאכט געהן אין בית המדרש אריין, וואו ס'די שוין געהן? אט בלייב שוין דא לכבוד דעם גאסט!

אליה (ער קוקט פערוואונדערט).

— דו האסט דאך געכטען אויך א גאנצע נאכט געלערנט. וואו ס'דו שוין געווען אזוי שפעט? ס'אי דאך איבער דיינע כוחות.

יואל (ווי ער וואלט בעטען הילף).

— טא רופט דעם רב אהער... געהט רופט צוריק דעם רב.

מנוחה (האלט חוה'ן).

— עפּיס מיין קינד שרעקט זיך פאר דיר, דאס ביזטו דאך חוה... מיין שוועסטער'ס יתומה — טא וואס שרעקט ער זיך...

חוה.

— קום יואל! די מוהמע זאגט, דו שרעקסט זיך פאר מיר וואו ס'דו געהן אין בית מדרש אריין, קום צו מיר, צו חוה'לען, (גלעט איהם) לאמיר ווידער, יואל'קע, קליינע, קליינע קינדערלעך זיין (קוקט איהם אין די אויגען).

(פארהאנג).

צְוֵויטֶער אַקְט.

בײַ אליה דעם שנײַדער. דעקאָראַציע ווי אין ערשטען אַקט.

אליה און מנוחה זענען בײדע שטאַרק פער׳עסקט בײַם באַק־אויווען, קוקען בײדע אין אויווען אַרײַן מיט פערגאַפטע פּנים׳ער, אין דעם צימער, אינ׳ם הינטערגרונד, זעהט זיך דורך די גלעזערנע שויבלעך אין דער פערמאַכטער טהיר — יואל ער שאָקעלט זיך איבער דער גמרא מיט גרויס התמדה, פון צײַט צו צײַט רײַסט זיך דורך זײַן געזאַנג — ער לערנט.

מנוחה (קוקענדיג אין אויווען).

— גאָר קנאַפּ הײַיוען געלענט אין די בולקעס, קײַן עין־הרע, וואַקסען פון אויווען אַרויס.

אליה.

— ס׳כאַפּט ברוינען, כ׳האָב מורא, האָסט צופיעל האָלץ געלעגט.

מנוחה.

— קײַן בעז זאָל נישט זײַן, כ׳וועל האַלטען אַ ביסעל אָפען דאָס טהירעל.

אליה.

— ועסט איהר אויך מיטגעבען אַ פּאָר בולקים?

מנוחה.

חוה'ן מיינסטו?... וואָס וועלען לייט זאָגען? אַ יתומה; ווי טרייבט מען זי?

אליה.

— ווער זאָגט, טרייבען? וואו זי איז געווען פריהער, אַ היץ זאָל זי זיך פאָהרען איצטער אויך. (רעדט ווייכער) איך בין אַ פּראָסטער מענש, כ'טאָר עס פון מויל נישט אַרויסרעדען. פערשטעהסט?... איך זאָג דיר — מען טאָר זי נישט האַלטען... פערשטעהסט?

מנוחה.

האָט מען זי אֶפשר מיט אַנ'אַנדער דרך געקענט אָפּשיקען צוריק. מיט אַ יתומה...

אליה (שוין האַלב אין כעס).

— איך טאָר עס נישט, פערשטעהסט? דער רב האָט ווי אָנגעוואונקען: „אַ קול פון אַ אשה" האָט ער געזאָגט. — ביי איך אין שטוב, אַ כשר קינד, זאָגט ער, ס'קען נאָך חלילה אַ פלעק פאַלען, זאָגט ער. — פערשטעהסט?... מען האָט עס מיר געגעבען צו היטען, מיר, דעם שניידער האָט מען געגעבען אַנ'אוצר צו היטען — טאָ וואָס זאָל איך טהון? ס'איז גאָר נישט אונזערער; און מיר מוזען היטען.

מנוחה.

— כ'האָב אפילו קיין בעז נישט געזעהן.

אליה.

— זי איז דאָך איהם אויפ'ן קאָפּ געקראָכען... עפּיס אַ קליינינקייט

איז עס ביי דיר ? א פרעמדער אוצר . . . מען קען גאר גרינג בעשטראפט ווערען.

מנוחה.

— זי איז ערגיץ אוועק גאר אומגעגעסען (ווישט די טרערען) יתומה מיינע, עפּיס דאס הארץ נאגט אזוי.

אליה.

— כ'האב דען איהר געזאגט אזוינס בעזעס עפּיס ? כ'האב איהר געזאגט ווי דער אמת איז; מיט א שכל האב איך איהר געזאגט. פאר יואל'ן, האב איך געזאגט. ס'שאדט צו דער תורה — האב איך איהר געזאגט, דו ביזט שוין אויסגעוואקסען, זאג איך, גלייכער ווייטער ביי דיין פעטער יענקעל זאלסטו זיין.

מנוחה (בעמערקט אימעצען אין פענסטער).

אליה (ער קוקט אין פענסטער).

— דוכט זיך גאלדע געהט, שליס צו די טהיר ביז דו וועסט ניט פערשטעלען דעם אויוועו מיט'ן ברעטעל.

מנוחה (פערריגעלט די טהיר).

— אבער זעה נאר, שטענדיג, ווען מען בעדארף זי נישט וואקסט זי אויס, (מען קלאפט) ווער איז דארט ?

גאלדע (הינטער'ן טהיר).

— עפענט, מנוחה לעבען !

מנוחה.

— באַלד, גאָלדעשו, כ'האָב מורא דער אויוועָן זאָל ניִשט אויסקיהלען.

אליה (שטיִל).

— זיִ האָט גאָר קיין צייט ניִשט.

מנוחה.

— רעד שטיִלער אַ ביִסעל... (העכער) האָט קיין פאַראיִבעל ניִשט, גאָלדעשו, כ'עפען די מינוט. (פאַרעט זיך מיִט דער לאָפּעטע אין אויוועָן, גאָר באַלד פערמאַכט זי איהם און עפענט די טהיר).

גאָלדע (קוממ אריין).

— גאָט העלף אייך!

מנוחה און אליה.

— אַ גוטער יאָהר.

גאָלדע.

— איהר האָט זיך מנוחה'שו קיין ענ־הרע פערדרויטעלט.

מנוחה.

— הייַנט דוקא אַ היִץ אויף דער גאַס.

גאָלדע (קוקט זיך אַרום).

— עס שמעקט ביי אייך אין שטוב. (יואל'ס געזאַנג רייסט זיך דורך) דער זוהן זיצט דאָרט? גאָטעניו! אַז דו ווילסט אָנטהון אַ נחת דער

מאמען. — (אויף אליה'ס זייט) איז האָטש דער טאַטע צופריעדען?

מנוחה (שטעהט די הענד הינטער די זייטען).

— זיצט, גאָלדעשו, וועט איהר עפּיס זאָגען גוטס? (ווינקט צו אליה'ן).

נאָלדע.

— איהר באַקט בולקעס, מסתמא, שוין אויף שבת, מסתמא.

אליה.

— נאָט איז מיט איך, ווי קומט עס, אויף שבת? היינט איז דאָך נאָך ערשט דינסטאָג.

נאָלדע.

— ס'וואונדערט מיר טאקי דאריבער.

(שטיל).

מנוחה (מיט אַ שמייכעל).

— האָט איהר דאָך, מסתמא, געהערט אין שטאָדט?

נאָלדע.

— וועמעס מזל ס'איז ווערטה ביי גאָט.

מנוחה (עפענט דעם אויווען).

— גאָלדעשו, איהר ווינשט דאָך מיר קיין בעז נישט. — זייט זשע מוחל.

גאָלדע.

— זאָל עס מיר שוין גאָט ווינשען, וואָס כ'זעה אויף אייך. (קוקט נייגעריג אין אויווען) קיין עין־הרע! קיין בעז אויג! יעדער בולקע ווי די ליכטיגע זונן...

אליה.

— פערמאַך, פערמאַך; קיהלסט אויס דעם אויווען.

גאָלדע.

כ'מיין מנוחה'שו, זיי זענען שוין פאַרטיג.

מנוחה (עסקט זיך מיט דער לאָפּעטע אין אויווען).

— פרעגט איהר גאָר ניט גאָלדעשו, וואָס כ'באַק עפּיס בולקעס אין מיטען העלען מיטוואָך?

גאָלדע.

— דער גוטער יאָהר ווייסט אייך, אַז איהר דערצעהלט נישט, נאָך וואָס זאָל איך פרעגען? אָפשר פאַר אייער פרימעניצע? מע זאָגט איהר שיקט זי אָפּ צוריק אַהיים.

מנוחה (מיט פערדראָס).

— מענשען האָבען צינגער. הערסט, אליה? מען רעדט שוין גאָט בעוואָהר, גאָלדעשו.

אליה.

— וואָס האָסטו מורא צו דערצעהלען.

גאָלדע.

— איך שלאָג זיך גאָר נישט אָן, גלאַט עפּיס — אַ צו גרויסער רויך געגאַנגען היינט פון אייער קוימען, געמיינט די פּאָזשע זיך פערקלייעט, (יואל'ס געזאַנג).

מנוחה (בעוויזט צו יואל'ס זייט).

— אַט פּאַר וועמעס וועגען, צוליעב וועמען די מאַמע פערמאַכט נישט קיין אויג ביי נאַכט.

גאָלדע.

— וואָלט דער וואָס אין הימעל יעדע מאַמע בענטשען מיט אַזאַ אוצר, ווייסט איהר דען וואָס איהר פערמאָגט? ווייסט איהר דען וואָס די שטאָט רעדט?

מנוחה.

— פון דעסטוועגען, אַ מאַמעס האַרץ איז שטענדיג אין וואונדרען. ס'שרעקט מיך פּאַר מיין אייגענעם גליק, טראַכט איך מיר: מע דאַרף דאָך מיט עפּיס פערדיענען ביי גאָט.

אליה.

— שאַ, זי האָט זיך שוין צופלאַפּעלט.

מנוחה.

— ער איז אפילו גערעכט, נאָר אַ יודענע איז שוין אַזוי, אַ האַרץ הויבט אַ מאָל אָן צו נאַגען און ווייסט אַליין נישט פּאַר וואָס; ווייסט אַליין נישט פּאַר וואָס זיך צו כאַפּען. זאָג איך צו איהם:

לאָמיר אָפּבאַקען אַ ביסעל בולקעס און צוטיי'לען, ס'איז דאָך פאַרהאַן וועמען, ברוך השם צו געבען — זאָל גאָט נישט שטראָפען פאַר די רייד.

אליה.

— האָט מען דאָך דיר געזאָגט: ווילכטו וואָס טהון — זאָל קיינער נישט וויסען!

מנוחה.

— האָסט דאָך מיר אַליין געהייסען, און פאַר גאָלדען בעדאַרף איך דען סודות האַלטען?

גאָלדע (צוטומעלט).

— איך בין נאָר געקומען פרעגען: אֶפשר וועט רבי אליה איבערגעהען מיין מאַנס שבת'דיגען קאַפּטען... כ'וואָלט געוועזט וויסען...

מנוחה.

— אַך, וואָס רעדט איהר? וואָס רעדט איהר...

(שטיל).

אליה.

— ועה ס'זאָל דאָרט נישט צוגעברענט ווערען אין אויווען.

גאָלדע.

— איך געה שוין אוועק. וועט עס רבי אליה קענען מאַכען אויף שבת?

אליה.

— כ׳וועל קענען, כ׳וועל קענען. איהר וועט אזוי גוט זיין ברענגען פאר נאכט צו.

גאלדע.

(שפירט זיך עפּיס נישט בעקוועם, דרעהט זיך, קוקט זיך ארום און געהט ארוים גאר נישט זאגענדיג).

מנוחה (מיט פערדאכט).

— האט אפילו „א גוטען טאג" נישט געזאגט.

אליה.

— זאג מיר, וואס האט זי דא געוואלט? גערעדט, געבעבעט און געקוקט... אויסגעשמעקט, וואס האט זי געוואלט?

מנוחה.

— זאל איך אזוי וויסען פון שלעכטס, ווי כ׳ווייס וואס זי האט דא געוואלט, א רויך — זאגט זי, האט זי א צו גרויסען געזעהן מעהענדיג פון אונזער קוימען.

אליה.

— איז עס איהר דאגה?

(שטיל).

מנוחה.

— האט זי זיך אפשר דערוואוסט פון חוה׳ן?

אליה.

— דער גוטער יאָהר ווייסט וואָס זי האָט געוואָלט, אֶפשר טאַקי חוה? זי האָט עפּיס גערעדט מיט איהר. זעה, ווי ס'האָט זיך שוין צוטראָגען איבער'ן שטאָדט, ווער האָט זי געטריבען ווער? כ'מיין טאַקי אין אמת'ן — זי איז געוועזען אַ קליינע, האָט נישט געהאַט בּיי וועמען צו זיין, איז עפּיס אַנדערש געוועזען, זאָל איך זי אֶפשר תּחונה מאַכען? אַ קשיא אויף אַ מעשה — אֶפשר מיינט זי טאַקי יואל'ן... ס'פעהלט מיר נאָך מעהר נישט.

מנוחה.

— זי וואָלט איהם געוואָלט — פאַר וואָס נישט?...

אליה.

— מפשה! רעד עס גאָר פון דיין מויל נישט אַרויס, דערמאָהן עס נישט, כ'וויל עס פון דיר נישט הערען.

מנוחה.

— וואָס האָב איך דען געזאָגט?

אליה.

— וואָס דו האָסט געזאָגט איז איבּריג. אָט נעהם אַרויס די בּולקעס פון אויווען און צוטראָג עס גלייך וואו מע בּעדאַרף.

מנוחה.

— אין גאַנצען?

אליה.

— פאַר זיך דאַרפסטו דען לאָזען ?

מנוחה.

— אֶפשר חוה'ן מיטצונעמען, אויב זי פאָהרט —

אליה.

— לאָז מיך צורוה !

מנוחה.

— זעה, וואָס ביזטו אַזוי אויפגעבראַכט ? (זי נעהמט אַרויס פון אויווען בולקעס) זעה נאָר, אליה, צי מיר האָט זיך אויסגעדוכט ? אין אויווען זענען זיי געווען שענער, זאָלסטו געזונד זיין, אליה, זענען נישט עפּיס ווי קלענער געוואָרען ?

אליה.

— מאַך קיין שהיות נישט, טראָג עס שוין אַוועק און צוטייל ווי מען האָט גערעדט.

מנוחה (גאָר אָבהענגדיג).

— מיר קלעפּען זיך עפּיס נישט די הענד.

אליה.

— האָסטו זי נישט געדאַרפט אַריינלאָזען, (ער נעהמט צו ביי איהר די לאָפּעטע, נעהמט אַרויס איינציגווייז די בולקעס פון אויווען, בלאָזט זיי נישט זיי אַרום און לעגט זיי אין אַקערבעל אַריין.

מנוחה (ווישט איבער יעדע בולקע מיט'ן שירץ).

— ווי די זונן בעוויזט זיך מיר אויף א ווײַלע — לויפט באלד דורך א שאטען אין מײַן שטוב, (וואל'ס טרויעריגער גמרא-ניגון צוקײַקעלט זיך איבער'ן שטוב, ווי הערען זיך א וועלע איין).

אליה.

— טראג איהם אריין א פרישע בולקע.

מנוחה.

— זאל ער בעסער גאר נישט וויסען וואס בײַ אונז טהוט זיך, כ'וועל נאר א פאטשײַלע כאפען אויפ'ן קאפ און צוטראג שוין, און טאמער קומט חוה?

אליה.

— דאס וועל איך שוין אליין, האב קײַן מורא נישט.

מנוחה.

— און דו פערגעס נאר נישט אז דו האסט צו טהון מיט א קײַלעכ- דיגע יתומה, דאס איינציגע וואס איז מיר פון מײַן שוועסטער געבליבען.

אליה.

— ביזט א בהמה! וואס מײַנסטו, וועל איך מיט איהר טהון? כ'וועל זאגען, בײַ אונז איז ענג און גאר נישט.

מנוחה (ווישט די טרערען).

— נעדענקושע... און אפשר זאלסטו איהר גאר נישט זאגען, אפשר דוכט זיך דיר נאר אויס, ס'קען דאך אויך זײַן, (זי דעקט אריבער

דאָס קערבעל מיט אַ טוך און געהט אַרויס. אין טהיר) געדענקוישע אליה, הערסט? (פערשווינדט).

אליה.

(ער קוקט איהר נאָך אין פענסטער, פערגנבט זיך אויף די שפּיצען פינגער צו יואלס טהיר און הערט זיך צו זיין לערנען, אַ זיסע צופרידענקייט צוגיסט זיך איבער זיין פנים. פּלוצלונג, ווי ער וואָלט זיך אָן עפּים דערמאַהנען — איילט ער אויף דער גאס אַרויס און קומט גלייך צוריק, רעדט צו זיך אַליין „אַ שאַד ניש אָנ־געזאָגט, נישטאָ וועמען אין שטוב צו לאָזען", ער נעהמט זיך צו זיין אַרבייט נאָר ער וואַרפט יעדער ווילע אַוועק און קוקט אין פענסטער).

יואל.

(ער געהט אַרויס פון זיין צימער, ס'היטעל אַרויפגערוקט, שטאַרק פערטראַכט קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט אימעצען זוכען).

אליה.

— דו זוכסט עפּים?

יואל (ער געהט צו צו אליה'ן).

— וואָס נעהסטו אַזוינס, טאַטע?

אליה.

— אַ וואונדער, דו זאָלסט פרעגען.

יואל.

— איז עס אַ וואונדער?

אליה.

— אָט, אַ דאגה האסטו, סיערמיִעגעס נעהם דיין טאַטע, ס'וועט שוין בלייבען פאַר דיין טאַטען אליין. בעסער דערצעהל מיר עפּיס פון דעם וואָס אין די הייליגע ספרים איז געשריבען, פון דעם וואָס דו לערנסט מיט'ן רב.

יואל (צושטרייט).

— אַ פּלפּול מיינסטו?

אליה.

— דאָס איז דאָך געוויס נישט פאַר דיין טאַטען צו בענעהמען. עפּיס פון דעם וואָס מגידים זאָגען פאַר'ן פראָסטען עולם.

יואל (בעגייסטערט).

— הימעל און ערד האָט גאָט בעשאַפען, זענען זיי אָבער ווייט איינער פון אַנדערן, בענקען זיי איינער צום אַנדערן און קענען זיך קיין מאָל נישט דערנעהנטערן, טהוען זיי ביידע תפלה פאַר גאָט ער זאָל זיי בעווייזען אַ וואונדער און הימעל מיט ערד צוזאַמענברענגען. האָט גאָט די מענשען בעשאַפען, זיי זאָלען אויף דער ערד אַרומגעהן און שטענדיג צום הימעל ווענדען זייערע אויגען, צום הימעל די הענד אויסבּרייטען און צום הימעל זייערע תפלות שיקען און דורך די תפלות ווערט די ערד מיט די הימלען אין איינעם פערקניפּט.

אליה.

(ער בלייבט זיצען מיט דער נאָדעל אין דער האַנד. דער קאָפּ אַראָבגעלאָזען).

— אַ שאָד, וואָס די מאַמע איז נישטאָ, זי וואָלט עס גאָר גוט בעגומען.

יואֵל (נים קוקענדיג צו אליה׳ן).

— און וואו איז חוה?

אליה.

— חוה... די מאַמע האָט איהר געזאָגט, אז ביי אונז איז אַ ביסעל ענג.

יואֵל.

— איז ביי אונז קנאַפּ אָרט פאַרהאַנען? כ׳וועל פאַר איהר אָבטרעטען מיין געלעגער.

אליה.

— אָט מיש זיך נישט אין אַזוינע זאַכען, מיין קינד.

יואֵל.

— איז זי שוין אַוועקגעפאָהרען? (ער געהט אום אויף און אָב).

אליה.

— זי וועט אַוועקפאָהרען, זאָל זי זיך פאָהרען געזונדטערהייד.

יואֵל.

— נאָך היינט וועט זי אַוועקפאָהרען?

אליה.

— מען ווייסט נאָך נישט. (שטיל).

יואל (זעצט זיך נעבען אליה׳ן).

— וואס וואלסטו געטהון דעמאלט, טאטע, אז די הימלען זאלען זיך דיר אראבלאזען אויפ׳ן רעכטען קאפ און די ערד אונטער דיינע פיס זאל אלץ זינקען טיעפער?

אליה.

— איך בעדארף גאר נישט טראכטען פון אזוינע זאכען וואס זענען ביי גאט אין די הענד. (ביידע שווייגען).

יואל.

— צוויי וועגען זענען פאראן: איינער א שמאלער און דער אנדערער א ברייטער; פאר דיר, טאטע, איז דער ברייטער און פאר מיר דער שמאלער.

אליה.

— עך, וואס ווייסט דיין טאטע? דיין טאטע נעהט סיערמיעגעס, וואס רעדסטו מיט איהם אזוינע ווערטער. (שטיל).

יואל.

— ווייסט נישט טאטע וואו חוה האט זיך געהארעוועט די גאנצע צייט?

אליה (שווייגט).

יואל.

— כ׳מיין מען האט איהר געדארפט (פערהאקט זיך) ווייסט טאטע וואס כ׳וויל דיר נאך דערצעהלען?

אליה.

— דערצעהל אַזוינס, וואָס זאָל זיין דיין טאַטען גרינג צו בּגנעהמען, עפּיס פון דעם וואָס ס'טהוט זיך אויף יענער וועלט, דאָרט, אין יענע ווינקעלעך. וואָס זאָגסטו? נישטאָ דאָרט קיין פויערים מיט סיערמיעגעס, נישטאָ קיין שניידערס מיט נאָדלען אין די לאַצען, (פלוצלונג) ווערסט דאָך מסתמא פון שטוב נישט אַרויסגעהן? כ'וועל נאָר אַ לויף טהון דער מאַמען וואָס זאָגען. אויב דו וועסט לערנען זאָלסטו דיין טהיר לאָזען אָפען, און טאַטער קומט ווער זאָלסטו זאָגען אַז מען קימט באַלד.

יואל.

(ענטפערט נישט, ער געהט אַריין צו זיך און פערמאַכט די טהיר).

אליה.

(ס'איז צו מערקען זיין אונרוהיגקייט, ער טהוט אָן זיין קאַפּטאָן געהט שטיל צו יואל'ס טהיר און עפענט זי פאָרזיכטיג).

— זאָל זיין אָפען ביז כ'וועל קימען. טאַטער פרעגט ווער זאָלסטו זאָגען מען קומט גלייך. (געהט אַרויס).

יואל.

(ער הויבט אָן זינגען מיט גרוים חשק ביי דער גמרא, זיין געזאַנג צוגיסט זיך איבער'ן גאַנצען שטוב. דאָס געזאַנג רייסט זיך פלוצלונג איבער. ער גיט אַ ציטער, ווי אימעצער וואָלט איהם הינטען אַרום איבערגעשראָקען. ער געהט אַרויס אין דעם פאָדערשטען צימער, בלייבט שטעהן אין מיטען שטוב פער־קלערט, ער הויבט אָן צו רעדען, פונקט ווי נעבען איהם זאָל שטעהן אַ צווייטע פּערזאָן).

— ווער האָט דיך געבראַכט אהער צו מאַכען מיך פאַראיהרען

פון דעם גלייכען וועג? זיץ איך מיר אונטער א בוים, וואס שיקט אויף אלע זייטען זיינע גרינע בלעטערדיגע צווייגען; פערשטעלען די צווייגען דעם ריינעם הימעל פון מיר; פערשטעלען זיי די ליכטיגע זונן פון מיר. קומט א האנד פון אויבען געשיקט, נעהמט פונאנדער די געדיכטע צווייגען, הויב איך אויף מיין קאפ און זעה: דער הימעל — און ער איז בלאה און ציהט זיך אוים ווי א ביידעל איבער מיין קאפ, זעה איך די זונן — זי שווימט מיט גבורה אין דעם הימעל, און דאס איז אלץ וויט פון מיר... און דאס איז אלץ וויט פון מיר. (ער קוקט אין פענסטער מיט טיעף פערבענקענדע אויגען).

חוה.

(קומט אריין, זי איז בלאס, די אויגען פערוויינט, זי בלייבט שטעהן נעבען טהיר די אויגען צו דער ערד געזונקען).

יואל.

(ס'איז צו מערקען א שוידער געהט דורך זיין לייב. ער קעהרט זיך אב מיט'ן פלייצע צו חוה'ן, מאכט איניגע טריט פאראוים צו זיין חדר און בלייבט שטעהן דעם קאפ אראבגעלאזען).

חוה (רעדט שטיל, ניט אויפהויבענדיג די אויגען).

— מאכסטו געגעבט דיין טאטען מיט דיין מאמען?

יואל (שווייגט אונבעוועגליך).

חוה (איהר שטימע ציטערט).

— זיי טרייבען מיך ארוים פון שטוב. זיי ווילען נישט, דו זאלסט מיך זעהן. (שטיל) יואל, אויב דו ווילסט די תורה לערנען טא לערען זי;

נאָר בעט בײַ דײַן טאַטען און דײַן מאַמען זײַ זאָלען מיר לאָזען זײַן בײַ איך אין שטוב, איך זאָל נישט דאַרפען שטעהן הינטערן פענסטער. (שהײנגם) כ׳האָב זיך דערוואוסט, דער רב וויל דיך פערקנס׳ען מיט זײַן מאַכטער, דו ווילסט נישט.

יואל.

— לערנען וויל איך, לערנען וויל איך.

חוה.

— כ׳האָב געוואוסט, אַז דו ווילסט תורה לערנען, דעריבער בין איך אַזוי לאַנג צו איך נישט געקומען, אָבער...

יואל.

(געהט שנעל אַרײַן צו זיך אין צימער. צושאָקעלט זיך איבער דער גמרא אַרויסגעבענדיג קולות, וועלכע זענען מעהר עהנליך צו אויס־געשרײַען פאַר טיפען וועהטאַג איידער צו אַ ניגון פון דער גמרא).

חוה.

(זי צולאָזט איהרע דונקעלע, לאַנגע האָר. שפּאַרט זיך אָן בײַם זײַט פון יואל׳ס טהיר און הערט זיך צו צו זײַן געזאַנג).

יואל.

— די מאַמע וועט באַלד קומען.

חוה.

— לערען, לערען די תורה און איך וועל נאָר צוהערען צו דײַן שטימע.

יואל.

— וואָס גיט דיר מײַן קול?

חוה.

— דאָס גאַנצע לעבען גיט מיר דײַן קול וואָס קלינגט בײַם לערנען די תורה... ווען כ'בין נאָך אַ קליין קינד געווען האָב איך זיך צו דיר געצויגען. געדענקסט ווי מיר האָבען בײדע געוואַקסען... האָט מיר אָבער דײַן מאַמע ווײַט, ווײַט אויעקגעשיקט. בין איך אין דער פרעמד געוואַקסען און מיט מיר איז דײַן לויטערער פּנים געוואַקסען. אַז איך בין גרעסער געוואָרען האָב איך אַליץ אַ וועג געזוכט ווי אַזוי צו קומען צו דיר... דו האָסט דאָ די תורה געלערנט און איך האָב דאָרט שטענדיג פאַר זיך אַליין אַ ליעד געזונגען, אַליין פאַר זיך פלעג איך זינגען און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט: דו ווערסט אַ ווײַלע שטיל בײַ דער גמרא און הערסט זיך צו, און אַז איך ווער שטיל קומסטו צו געהן און גלעטסט מיר איבער מײַנע האָר, קוקסט מיר גלײַך אין די אויגען אַרײַן, זאָגסט גאָר ניט און איך פערשטעה שוין, דאָס ווילסטו כ'זאָל ווידער זינגען... זינג איך ווידער (זינגט בעגײַסטערט).

וואַקסט אַ־בלום אין גרי־נעם גאָר־טען,
וואַקסט און ווײַסט ניט ווער זי איז;
זינגט אַ פױ־געל אין די צווײַ־גען
קלינגט זײַן קול איהר האָנ־ניג זיס...

וואָ־זשע ביזטו פױ־געל ליעבער?
בױ דײַן נעסט אױם טיעף און ברײַט —
צו דיר מײַן ליעבער...

יואל.

(רייסט איבער דאס געזאנג, שרייט אויס שמערצענהאפט).

— אויב דו וועסט נישט שווייגען וועל איך באלד אנהויבען שרייען ביז מענשען וועלען אנלויפען!... (ער געהט ארויס אין דעם פאדער־צימער פארבײַ חוה׳ן, געהט אויף און אפ, ווארגענדיג זיך מיט זײַנע געפיהלען).

חוה.

— און אז מענשען וועלען זיך צוזאמענלויפען וועל איך צו זיי זאגען: אט איז מײַן חתן און מײַן געליעבטער, ברענגט די חופּה אהער, טהוט מיר א שלייער אן, זאל אונז די גאנצע שטאדט צו דער חופּה פיהרען.

יואל (ער ציטערט).

— ווען דו ביזט א קליין קינד געווען און בײַ אונז אין שטוב געוואקסען, האב איך געמיינט דו ביזט מײַנע א שוועסטער, איצטער דערקען איך דיך נישט. איך וויל דו זאלסט זײַן חוה... מײַנע א קליינע שוועסטער... ווי דעמאלט, א שוועסטער.

חוה.

(זי ציהט זיך צו איהם, בלײַבענדיג זיצען אויף איהר ארט. דאס געזיכט דריקט אויס טיעפע לײַדען. שעפטשעט)

— וואקסט און ווייסט נישט ווער זי איז...

יואל.

— וואו בין איך? צי איז עס מײַן טאטענ׳ס שטוב? צי איז עס מײַן היים? (העכער) וואס האבען מיר געלערענט? ווי האבען מיר געלערענט? א בוים אז ער וואקסט בײַם זײַט וועג און דו געהסט אין

מיטען וועג — נישט קעהר דיינע אויגען אין א זייט — נישט זאג: ווי שעהן איז דער בוים! ווי פיין איז דער בוים! וועה צו דעם וואס קעהרט אָפּ אויף א רגע זיין הארץ... וועה, וועה — —

חוה.

(שטעהט הינטער איהם, מיט איינגעהאלטענער אויפרעגונג).

— יואל, כ'וויל דיין שוועסטער זיין. יואל, פערטרייב פון זיך נישט דיין עלענדע שוועסטער, זי קאן אהן דיך נישט לעבען. האב איך מיין טאטען פערלארען, מיין מאמען פערלארען — טרייב מיך דו נישט פון זיך. איך ווייס נישט וואס אין דער הייליגער תורה שטעהט. ציי דען איז דארט געשריבען, אז אויב א עלענדע שוועסטער גארט צו איהר ברודער, שטארבט פאר איהם, זאל ער זי פערשטויסען פון זיך? זאג מיר, שטעהט אין דער הייליגער תורה אזוי געשריבען — וועל איך פון דיר אוועקגעהן, וועל איך זיך אויסטהון בארפיס און אוועקגעהן ווייט, ווייט אין דער וועלט אריין — און וועל אין דער שטיל וויינען — און קיינעם, קיינעם וועל איך נישט זאגען וואוהין איך געה און וואס איז מיין געוויין. כ'וועל אלעמען דערצעהלען, אז כ'האב אמאל א מאמען געהאט איז זי יונג געשטארבען, ווען כ'בין נאך א קינד געוועו, קיין שכל נישט געהאט צו וויינען, איצטער בין איך אויסגעוואקסען און האב דערפיהלט אז א עלענדע יתומה בין איך, אהן א היים און אהן א מאמען. (ערגאנצטערט זיך צו איהם) יואל, זאל איך דיין היים פערלאזען? זאל איך פון שטוב ארויסגעהן? זאל איך? טא לאז מיר חאטש ביז נאכט ווארטען, ווען ס'וועט פינסטער ווערען, קיינער זאל נישט זעהן ווען כ'וועל פון שטאדט ארויסגעהן, קיינער זאל נישט זעהן וואוהין מיין וועג וועט מיך פערפיהרען.

יואֶל.

(עֶר ווענדט זיך צו איהר, עֶר ווערגט זיך מיט די ווערטער, זיין פנים דריקט אוים רחמים).

— חוה, חוה... וויין נישט, וויין נישט...

חוה (נעהמט צארט ארום זיין קאָפּ, עֶר ווערט זיך נישט).

— נאָר ביז נאכט זאָלסטו מיר לאָזען דאָ פערבלייבען, נאָר ביז נאכט. כ'וועל פון שטאָדט אַרויסגעהן, קיינער זאָל נישט וויסען וואו מיין געביין איז אהין געקומען...

יואֶל (אויטאָמאטיש).

— בלייב ביי אונז, מיין געלעגנער וועל איך דיר אָבטרעטען, אליין וועל איך זיך אין בית־המדרש בעהאלטען.

חוה (זי קושט זיין קאָפּ דורשטיג און שטיל).

יואֶל.

(עֶר ציטערט, ציהט זיך שמערצענהאפט צו זיין צימער, שעפּטשעט)

— חוה, די גמרא וויינט... די תורה וויינט... לאָז מיר, חוה...

חוה.

— כ'בין ביי אייך אין שטוב געוואקסען... נעבען דיר געוואקסען... אַ קליין קינד געווען...

יואֶל (שטיל און שווער).

— פון וואַנען ביזטו געקומען? פון וואנען ביזטו געקו־מען...

חוה (זי אומארעמט איהם).

— איך ווייס נישט... איך ווייס נישט... מיר האט זיך געדוכט, איך וואקס ערגעץ אליין אין א טיעפען טהאל און קיין וועג פון איהם ארויסצוגעהן איז נישטא. און פויגעל פליהען דורך, אין דער הויך איבער מיין קאפ זינגענדיג און פערשווינדען, זינגען און פערשווינדען. און אמאל האט זיך דאס זינגען צו מיר פון יענער זייט טהאל געטראגען און כ'האב אהין נישט געקענט דערגרייכען, פערשטעלט געווען פון אלע זייטען... האט זיך מיט אמאל דער טהאל אויפגעהויבען און כ'האב דיך דערזעהן — און דיין קול האט עס אזוי שעהן געקלונגען...

יואל (שעפטשעט).

— וואו בין איך?... וואו בין איך?...

חוה.

— כ'ווייס נישט... כ'ווייס נישט... מיר דוכט, איך שטעה אין א גרויסען גרינעם גארטען און פיעל בוימער און בלומען ארום, און דו שטעהסט אין מיטען גארטען און דאס ליכט פון דיין פנים שטראהלט און בעלייכט אלץ ארום, אלץ ארום. (זי קושט זיין קאפ).

יואל (ווי ער וואלט חוה'ן גאר ניט שפירען נעבען זיך).

— איז עס דעמאלט דיין געשטאלט געווען? איז עס דעמאלט דיין שאטען געווען? אין די פינסטערע נעכט — אין דעם אלטען בית־מדרש... כ'בין פאר מיין ליכט געזעסען, אלץ ארום מיט שאטענס בעדעקט, האט זיך פון צווישען ספרים א ליכטיגקייט בעוויזען, בעלויכטען אלץ ארום. און אין מיטען בית מדרש האט זיך דאס געשטאלט בעוויזען, א הייליג געשטאלט וואס האט אלץ ארום בעלויכטען... אז מיין קאפ איז מיעד

אויף דער גמרא געפאלען, די אויגען פערטאכט... דעמאלט האט מיינע גלידער פון אלע זייטען א ליכטיגע ווארעמקייט ארומגענומען, און פון ארון־קודש ארויס פלעגט זיך מיר א לויטער געשטאלט באווייזען... ארויסשיינען, און אויף דעם האט די שכינה גערוהט, אין אלע ווינקעלעך איז ליכטיג געווארען„. נאר ביי נאכט איז עס געווען, נאר ווען כ'בין מיעד געוועזען איז עס געשעהן, נאר ווען כ'פלעג... קום, דו הייליגעס געשטאלט! קום פון וואנען דו ווילסט; קום פון וואנען דו קענסט, מיר איז ווידער פינסטער ארום... איך בין מיעד און מיר איז פינסטער, באווייז זיך ווידער צו מיר — פון די הייליגע ספרים ארויס, פון די לויטערע ווערטער ארויס... אדער כ'וועל מיינע אויגען פעסט פער־מאכען און לויפען אין בית המדרש אריין... (ער דערשפירט חוה'ן, ער ויל זיך באפרייען פון איהר, נאר ס'זעהט אויס ווי ער האט גאר זיינע כוחות פערלארען).

חוה (זיפצט טיעף).

— אך, יואל, יואל... (זי לאזט זיך אראפ צו זיינע פיס, פערדעקט איהר געזיכט מיט איהרע לאנגע דונקעלע האר).

יואל.

(ער דריקט זיך מיט די הענד זיין ברוסט, שפיליעט אפ זיין קאפטען, ווי איהם וואלט פעהלען לופט צום אטהעמען, א שוויים טרעט איהם ארויס אויפ'ן שטערן, שעפטשעט „צוריק, צוריק”... ער לויפט צו זיך אין צימער אריין, ער בעהאלט זיין קאפ אין דער אפענער גמרא. ס'איז צו מערקען ווי זיין גאנצער קערפער שוידערט. א שווערע, דריקענדע שטילקייט).

חוה.

(זי גלייכט זיך לאנגזאם אויס איהר געזיכט, פערדעקט מיט איהרע הענד, זי געהט שטיל ארויס פון שטוב).

יואל.

(הויבט אויף זיין קאָפּ, ברייט אויס זיינע הענד, ווי ער וואָלט ביי אימעצען בעטען רחמים, ער געהט אַרויס אין דעם פאָדער־צימער, שטאַרק בלאַס און מיעד, קוקט פערוואונדערט צום אָרט וואו חוה איז געזעסען, אַלאַנגע צייט אונבעוועגליך, רעדט לאַנגזאַם, פערקלערט, זיין קול ציטערט, שוואַך).

— וואו איז דאָס ליכט?... וואו איז דאָס ליכט?... (בלייבט אין זיין פריהערדיגע פּאָזע).

אליה.

(קומט אַריין פרעהליך. מערקענדיג יואל'ן טרעט ער אָפּ אין אַ זייט מיט גרויס דרך ארץ, שטעהט אַ ווייַלע אין אַ זייט קוקט מיט פאָרכט צו יואל'ן ניט רעדענדיג קיין וואָרט. ער זעצט זיך שטיל צו זיין טיש, פרובט זיך פערנעהמען מיט זיין ארבייט).

יואל.

(געהט לאַנגזאַם צו אליה'ן, ניט אויפהויבענדיג די אויגען, פּאַטש אליה'ן אויפ'ן אַקסעל ווי אַ קליין קינד, רעדט מיט אַן'איינגעהאַלטענער שטימע).

— העלף דיין קינד, ס'האָט דעם וועג פערלאָרען.

אליה (פערוואונדערט).

— ביזט געוויס פרום, פרימער פון דיין טאַטען.

יואל.

— בעט רחמים פאַר דיין קינד ס'זאָל צוריק דעם וועג געפינען...

א ל י ה.

— וואָס קען וויסען אַ שניידער וואָס נעהט סיערמיענעס...

י ו א ל.

— רייס פון מיר מיינע קליידער אַראָפּ, כ'האָב קיין כח נישט...

א ל י ה (שוין דערשראָקען).

— דיין טאַטע איז אַן'עם־הארץ... ער ווייסט נישט...

י ו א ל.

— צורייס מיינע קליידער אויף מיר... דאָס געשטאַלט איז פערשוואונדען... דאָס הייליגע געשטאַלט... (וויינט קינדעריש אויף אליה'ס הארצען).

א ל י ה (קוקט צו איהם פערלאָרען).

(פ אָ ר ה אַ נ ג).

דריטער אַקט.

אַ קלייִנער בית המדרש. שפּעט ביי־נאַכט, רעכט, אין מזרח וואַנד, אַנ׳אָרון קודש מיט טרעפּלעך אַרויפצוגעהן צו איהם. אַנ׳עמוד אין וועלכען ס׳ברענט אַ גרויסע געלע יאָהרצייט ליכט, נעבען איהר דערברענען אַ פּאָר קלענערע ליכט. אין מיטען בית המדרש אַ בימה. ביי די ווענד טישען לאַנגע, איבער זיי הענגען לאָמפּען אויף שטריקלעך, נעבען די טישען־בענק. אין מזרח־שטענדערס. אין דער מזרח וואַנד פון ביידע זייטען אָרון קודש צו צוויי פענסטער, אין דעם הינטערגרונד־דריי פענסטער. לינקס אַ טהיר אויף דער גאַס, נעבען טהיר אַ האַנד־פאַס, פון ביידע זייטען טהיר הויכע אויוועגס. אויבען, איבער דער טהיר ציהט זיך אַ פערמאַכטער באַלקאָן מיט גראַטעס — אַ ווייבערשע שול, דער באַלקאָן פערנעמט אַ טייל פון דער הינטערגרונד־וואַנד העכער, איבער די פענסטער. די פענסטערלעך פון ווייבער־שול זענען פערהאָנגען מיט רויטע, ווייסע פאָרהענגלעך. ס׳איז גאַנץ שטיל, דער בית־מדרש איז אין שאָטען איינגעהילט, ס׳הערט זיך דאָס מאָנאָטאָנע, בעזאַכטע טיקען פון דעם גרויסען שאַפקע זייגער, וועלכער שלאָגט שפּעטער אַ ביסעל, מיט אַ הייזעריגען קלאַנג — עלף, ערגעץ וואו גרילצט אַרויס אַ גריל פון אַ שפּאַלט אַרויס און ווערט ווידער שטיל. פון האַנד־פאַס טריפט אָהן אויפהער דאָס וואַסער, וועלכעס טריפט און קלינגט אָפּ אין דעם פוסטען בית מדרש. אויפ׳ן באַנק אויף דער בימה שלאָפט דער אַלטער אונטער־שמש אין אַ קנויל איינגעדרעהט. אויבען, אויפ׳ן ווייבער־שול הערט זיך אַ געוויש פון אַ טהיר עפענען און שפּעטער אַ ביסעל טריט.

חוה.

(זי בעווייזט זיך אין אַ פענסטערל פון ווייבער־שול אין דער הינטערגרונד וואַנד. פון דער דונקעלהייט טיילט זיך אַרויס איהר בלאַס געזיכט, די האָר צולאָזען. זי בייגט זיך אַרויס אויפ'ן בית מדרש און איהרע אויגען, בענקניש=פולע, זוכען נייגעריג אויף אלע זייטען, זי זינגט זאַנפט, מיט אַ ציטערנדע שטימע):

עס וואַקסט אַ בלום אין גרינעם גאָרטען
וואַקסט און ווייסט ניט ווער זי איז;
זינגט אַ פויגעל אין די צווייגען
קלינגט זיין קול איהר האָניג זיס...

— וואו זשע ביזטו, פויגעל ליעבער? (ביי די לעצטע ווערטער דערהערען זיך טריט און אַ שמועס הינטער דער טהיר. זי ווערט שטיל. אין בית־המדרש קומען אַריין דריי יונגע בחורים: בער'טשע, חיים'טשע און נחום'טשע, געהען אַלע צו דער הינטערגרונד וואַנד).

בער'טשע.

— דער מיטעלסטער פענסטער פון דער צפון וואַנד קומט גלייך אויס אַנטקעגען אָסתר'ם פענסטער. (קוקט אין פענסטער).

חיים'טשע.

— ניטאָ יואל. אַזוי וואָלט ער נאָך איצטער געלערנט מיט התמדה.

נחום'טשע.

— אָט, אויפ'ן שטענדער נעבען אָרון קודש ליעגט זיין גמרא, ער האָט נאָך גאָר ניט לאַנג געמוזט זיין דאָ, (פערקוקט אין ספר) ס'גאָר דער רמב"ם.

חיים'טשע.

— גאר דער רמב"ם... אַ סימן אַז ער איז נאָך דאָ געווען פריִהער אַ ביִסעל; ביי־נאַכט לערנט ער שטענדיג דעם רמב"ם.

נחום'טשע.

— אַ שאַד וואָס כ'האָב איהם ניט געזעהן היינט ווי ער זעהט אויס.

חיים'טשע.

— ער לערנט פוסקים, דער רב וועט איהם געבען סמיכה היינט אויף די תּנאים. מע זאָגט, ס'וועלען זיין נאָך רבנים אויף די תּנאים, אַלע וועלען איהם פאַרהערען און די סמיכה חתמה'נען.

בער'טשע.

— קומט אַהער, קומט אַהער! אֶסתּר האָט ארויפגעצויגען דאָס פאָרהאַנגעל פון איהר פענסטער און קוקט אויף דער גאַס ארויס (ביי דיזע ווערטער בעוועגט זיך חוה ווידער אויבען, וועהרענד זי בלייבט שוין דאָרט אַווי, די גאַנצע צייט פון זייער שמועס, צוהערענדיג זיך אָנגעשטרענגט).

חיים'טשע.

— וועמען נאָך זעהסטו? (ער קוקט אין אַ צווייטען פענסטער) אָט איז דער גאַנצער בית־הרב. די טישען פערשפּרייט מיט שבת'דיגע טישטוכער, דער רב שפּאַציִערט אום אונטער'ן האַנד מיט זלמן דעם גבאי. אָט, האָט די רביצין אַוועקגעשטעלט אַ פלעשעל משקה אויפ'ן טיש...

בער'טשע.

— זי קוקט נאָך אַלץ ארויס, זעה, ווי זי איז בלאַס.

נחום׳טשע.

— פון דער לבנה איז זי בלאס, דאס לבנה ליכט איז בלאס.

בער׳טשע.

— זעה, זי ווישט די אויגען, (שטיל).

נחום׳טשע.

— ווייסט, אז אין בית־המדרש איז ליכטיג קען מען נאך אונז מערקען אז מיר שטעהען אין פענסטער און קוקען, רוק זיך אביסעל אן א זייט.

חיים׳טשע.

— די רביצין האט אוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש א טעלער מיט שווארצע לעקאך... האניג־טייגלעך זאל עס זיין. (שטיל).

בער׳טשע.

— זעהסט, ווי זי איז אומעדיג...

נחום׳טשע.

— האסט גאר נישט גערעדט מיט איהר?

בער׳טשע.

— מיט וועמען?

נחום׳טשע.

— מיט אסתר׳ן. (שטיל).

נחום׳טשע.

— אפשר קוקט זי עס דיך אוים ?... שעמסט זיך פאר מיר ? נאר, פאר מיר האסטו זיך נישט וואס צו בעהאלטען, איך וויים דאך אלצדינג, פאר מיר מעג מען אלצדינג דערצעהלען.

חיים׳טשע.

— די רביצין האלט אין איין דערלאנגען צום טיש.

בער׳טשע.

— זעה נאר, ער בעלעקט זיך אזש דארט, ט׳באלד די שויבען אויסשלאגען.

נחום׳טשע.

— פאלג מיר, געה ארוים, זי ווארט עס אויף דיך, קוקט דיך אוים, פערגנב׳ה זיך אזוי ביים וואנד וועסטו ארויסקומען גלייך צו איהר פענסטער.

בער׳טשע.

— וואס איז די פעולה, אז איהר פענסטער איז פערמאכט.

חיים׳טשע (קוממ צו).

— וועסטו שטילערהייד אנקלאפען, וועסט זעהן זי וועט דיר עפענען דעם פענסטער.

בער׳טשע.

— האסט דען געהערט פון וואס מיר האבען גערעדט ?

חיים'טשע.

— כ'ווייס אליין, אז איהר פלעגט זיך טרעפען אויפ'ן ווייבער־שול.

בער'טשע.

— און מעהר ווייסט קיינער ניט?

חיים'טשע.

— אפשר ווייסט נאך ווער — נאר איך האב קיינעם נישט דער־צעהלט. (איבערראשט) קוקט, זי האט געעפענט דעם פענסטער, פאלג מיר בער'טשע געה ארויס.

נחום'טשע.

— פאלג מיר געה ארויס, האב קיין מורא נישט.

בער'טשע (פערצווייפעלט).

— כ'וויל איהר גאר נישט זעהן, זי וועט באלד אנהויבען וויינען. ביז נעכטען האט זי נאך גאר נישט געוואוסט, אז מען וויל זי פערקנס'ען מיט יואל'ן.

נחום'טשע.

— זי מוז נישט וועלען, ווייל זיין טאטע איז א שניידער.

חיים'טשע.

— פאלג זיך. געה ארויס צו איהר, זאג איהר אין דער שטיל, זי זאל נישט וועלען. זי זאל בעטען נאך אויף אפאר וואכען אבלעגען. געה, נאר. (שטופט איהם).

בער׳טשע.

— איהר זאלט דא אויף מיר ווארטען (ער געהט ארויס אויף די שפיצען פינגער).

חיים׳טשע.

— אט, וועלען מיר באלד זעהן ווי ער וועט זיך דורכגנבע׳נען ביים וואנד צום פענסטער, קום. (ווי אײלען אין דער זײט פון ארון־קודש, קוקען אנגעשטרענגט אין די פענסטער געהענדיג פון איין פענסטער צום אנדערן).

חיים׳טשע.

— מיר דוכט, דער רב געהט ארויס, דער רב מיט זלמן דעם גבאי, ער וועט איהם נאך כאפען. (דערשראקען) זיי זענען ארויס־געגאנגען!

נחום׳טשע.

— אט איז ער, מען וועט איהם כאפען... אט, איז ער אנטלאפען געווארען! זעהסט, אסתר האט זיך דערשראקען און אראפ־געשפרונגען פון פענסטער. אוף! ווי זי האט זיך דערשראקען... זי האט געמוזט געבען א געשריי.

חיים׳טשע.

— ער האט באלד בעראַרפט ארויסגעהן, ווי נאר זי האט דעם פארהאנגעל אראפגעצויגען. (ס׳הערט זיך רעדען הינטערן טהיר).

נחום׳טשע.

— דער רב געהט אהער! מיט זלמן דעם גבאי, וואס קענען זיי עפים געהן אהער? (טרעטען אפ פון פענסטער) אפשר האט מען אונז

געמערקט קוקענדיג? (דער רב, נאך איהם זלמן גבאי. א רויטער איד מיט א גראהע בארד, קומען אריין).

חיים'טשע.

— קום ארויס צו איהם, זאל ער אין פענסטער אנקלאפען.

דער רב.

— דא איז דער בעסטער ארט, די רבי'צין דארף גאר אזא שמועס נישט הערען... ווענען אזוינע זאכען זאל מען נאר אין בית־מדרש אבערעדען. (מערקענדיג די בחורים) ווער לערנט עס נאך אזוי שפעט?

חיים'טשע.

— דאס זענען מיר, רבי, מיר געהען שוין א היים.

דער רב.

וואויל, וואויל, קינדערלעך, מע ווייסט, אז איהר לערנט א סך, מע ווייסט.

זלמן גבאי (בײם עמוד).

— א שענע יאהר־צייט ליכט, רייינער וואקס.

די בחורים (ביידע צוזאמען).

— א גוטע נאכט, רבי (געהען ארויס).

דער רב.

— א גוטע נאכט — א גוטער יאהר! (עפענט אינסטינקטיוו אויף דעם ספר וואס ליגט בײם ארון־קודש אויפ'ן שטענדער). דער רמב"ם; אך, דער

רמב"ם — זאָג איך, נאָך אַ יאָהר, נאָך צוויי, וועט מיט איהם די וועלט אויפזיין, ס'איז נישט קיין קליינינקייט.

זלמן.

— נויטהען אַ שטאָדט, רבי, קען מען נישט. ס'איז נאָך צו פריה. זאָל זיך דער רבי לעבען הונדערט און צוואַנציג יאָהר, שטאָדט האַלט איך מיט יראת הכבוד, מיט'ן גרעסטען דרך־ארץ. אז אייערער אַנ־איידעם וועט בלייבען נאָך אייך איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר און וועט ווערטה זיין צו פערנעהמען אייער שטוהל — וועט דעמאָלט קיינער נישט האָבען דאַגעגען: דער בית־הרב זאָל זיך בלייבען ווי געוועזען און דער שטוהל אויך דער אייגענער...

רב.

— איהר ווייסט ווער יואל, איז?

זלמן.

— קיין סמיכה האָט ער נאָך אויך נישט, ווי קען מען עס פערלאַנגען פון אַ שטאָדט אַז מען זאָל איהם שוין אַרויסגעבען אַ כתב? ס'איז שווערלעך.

רב.

— הײַנט צו די תנאים, בלי נדר, הײַנט וויל איך זאָלען זיין די תנאים, זאָל שטאָדט פערהערען. איך וועל איהם סמיכה אַרויסגעבען פאַר שטאָדט — פאַר גאַנץ שטאָדט. הײַנט, וויל איך זאָל דער פונדאַמענט געלעגט ווערען, מיין שטוהל זאָל בענייט ווערען. דאָס וועט זיין דער נדן וואָס די שטאָדט וועט מיין קינד דערלאַנגען.

ז ל מ ן.

— שטאָדט האָט בדעה בסוומנים דעם נדן פאַר אייער טאָכטער צו געבען.

ר ב.

— ניין: איך... איהר פערשטעהט. אַז שמואל הנביא איז געוואָרען „אַ בא־בימים"... איהר פערשטעהט? אַ בא — בימים... דער כסא ווערט אַלט, מוז מען איהם בעניישען, נישט חלילה אַליין מיין איך צו טהון... מיט דער דעה פון גאַנץ שטאָדט, כ'וויל חלילה נישט קיין מחלוקת... שלום, שלוה... איהר פערשטעהט?

ז ל מ ן.

— מען מוז די זאַך גוט בעטראַכטען.

ר ב.

— איך וועל זאָגען, ווי דער חסיד יסוד עולם: אֶת שור מי לקחתי? האָט אֶפשר, חלילה, שטאָדט טענות אויף מיר? דרייסיג יאָהר געדינט, עהרליך, מיט אֶמת געדינט.

ז ל מ ן.

— רבי, איהר דאַרפט עס נישט רעדען, איהר טאָרט חלילה קיינעם נישט חושד זיין פאַר אַזוינע כונות. (אין אַ ווײַלע אַרום) ווייסט איהר רבי, טהוט אַליין אָהן הסכם פון שטאָדט.

ר ב (פערוואונדערט).

— וואָס הייסט?

זלמן.

— כ'מיין איהר אליין זאלט איהם ארויסגעבען א כתב.

רב.

— כ'פערשטעה עם גאר נישט, און דאס קהל ה'? און שטאדט? ארודה זאל איך זיין? ניין, ניין! ישמרני ה' — זאל מיך גאט איינהיטען!

זלמן.

— כ'מיין, שטאדט וועט גאר נישט האבען געגען דעם — אי"ה ער וועט זיך וואקסען ביי אייך אין שטוב. מען וועט פערגעסען און זיין טאטען דעם שניידער...

רב.

(שטארק אויפגעבראכט, מאכט א בעוועגונג מיט דער האנד).

— נישט, נישט, נישט — דאס נישט: „א יגיע כפים", גרעסער ווי א למדן. הס־מלהזכיר, כ'קען עם נישט הערען, (הויך) איך בין זיך משדך מיט אליה דעם שניידער. איך, דער מרא דאתרא.

גבאי (וויל איהם בערוהיגען).

כ'האב גאר נישט געמיינט, רבי, חלילה. איך, פערקעהרט, כ'זאג שטענדיג, נישט דער בוים — נאר די פירות.

דער רב (געהט אום הין און צוריק שטארק אויפגערעגט).

— נישט נישט... כ'האב נאר געוואלט מיחד זיין מיין ווילען צו דעם ווילען וואס לעבט עביג, נאר דאס אליין... נישט גישט... (רעגט זיך).

ל מ ן (א ביסעל צושראָקען).

— כ'וועל געהן איבערשטיעס'ן מיט נאָך עטליכע בעלי בתים, אָפשר וועט מען בעדארפען שיקען נאָך אַ פּאָר רבנים.

ב (פערוואונדערט).

— נאָך וואָס רבנים?

זלמן.

— זיי זאָלען זיין ביי די תנאים און אויך שוין ביים פערהערען.

ר ב (צופריעדען נאָר דאָך אויפגערעגט).

— דאָס יאָ. פאַר מיר אַ גרויסער כבוד, מסכים, אויך מסכים, רבנים זאָלען זיין, זאָל די גאַנצע וועלט וויסען, זאָל מען הערען און שטוינען, הערען און שטוינען! די וועלט וועט מיט איהם קלינגען, דאָס יאָ... הערען און שטוינען...

זלמן.

— זאָל מען אָפּשר אָפּלעגען ביז מאָרגען?

ר ב.

— איך וואָלט שטאַרק געהרן היינט, שטאַרק בעגעהרן, עפּיס אַ רעיון טרייבט מיר איך זאָל עס טהון היינט... אָפשר קען מען פון די נאָהנטע קהילות נאָך אַ פּאָר רבנים... נאָך היינט?... ס'אי נאָך פאַר האַלבע נאַכט. אַ רעיון שטויסט מיר, כ'זאָל דוקא היינט.

זלמן.

וועל איך געהן איבערערען מיט שטאָדט, כל זמן דער עולם שלאָפט נאָך נישט.

דער רב.

— איך וועל געהן מבשר זיין — דעם מחותן מיינעם, געהן מבשר זיין.

זלמן.

— כ'וועל איך אונטערפיהרען, רבי. (געהען ביידע ארויס).

דער אלטער שמש.

(האַפּט זיך אויף, קוקט זיך ארום, קראַצט זיך דעם קאָפּ, רעדט צו זיך אליין).

— האַ־האַ, שטארק איינגעשלאָפען, קיין נפש נישטאָ, (גענעצט, רופט ארומשלאָפענדיג ארום בימה) יואל, האַ?... ער שוין אויך נישטאָ, ווער זשע האָט געקענט די לאָמפּען אויסלעשען? (זינגט מיט אַ ציטערנדע, היינעריגע אלטע שטימע).

אִם אֲדוֹ—נָי לֹא יִבְ—נֶה בַ—יִת
שָׁוְא עָמְ—לוּ בוֹ—נָיו בּוֹ;
אִם ה' לֹא יִשְׁ—מוֹר עִיר —
שָׁוְא שָׁקַד שׁוֹמֵ—מר (ער קוקט אויפ'ן ווייגער און זינגט אונטערקנאַקענדיג מיט די פינגער) שוא שקד שום—מר שום—מר... שוין באלד צוועלף דער זייגער... (זוכט עפּיס אין עמוד־קעסטעל).

יואל.

(קומט אריין צוטראָגען, זיין אויבער־בגד אָבגעשפּיליעט, ער לאָזט זיך גלייך צו זיין אָרט, אין ווינקעל נעבען אָרון־קודש).

חוה.

(זיצט׳ערט אויף מיט איהר גאַנצען קערפּער, ביֵיגט זיך טיף ארויס דורך דעם פענסטער).

שמש.

— ווער געהט ? ווער אי ? האַ, יואל ? אויף אַגאַנצע נאַכט מסתמא ?...

יואל (שווייגט).

שמש.

— דער וויפיעלטער משמר שוין היינטיגע וואָך ?

יואל (שווייגט, בלעטערט אויטאָמאַטיש דעם ספר).

שמש.

— וואַרט, מיין קינד, כ׳וועל דיר אַגוט לעמפּעל אָנצינדען.

(ער ברענגט אַלעמפּעל פון דעם אַנדערן זייט אָרון-קודש, ווישט מיט׳ן פינגער די גלאָז, צינדט עס אָן און הענגט עס אויפ׳ן וואַנד איבער יואל׳ן. קוקט יואל׳ן אין פנים אריין) די תורה, די תורה נעהמט צו די כוחות, אָ־אָ, די תורה...

יואל (צושטרייט).

— דער רב געוועזען דאָ ?

שמש.

— כ׳קען דיר, מיין קינד, נישט זאָגען. מיאוס פערשלאָפען.

(שטיל).

שמש.

— צופיעל, מײַן קינד, איבער דער מאָס, ס'פּנים דײַנס בלײַך... (פּערקוקט אין דעם ספר) האָווא, האָוואַ, אַנ'אָרענטליכער איד דײַן מאַמע... אַרב ווײַסט וואָס ער טהוט.

יואל (מאַכט קלײַן דאָס פײַער פון לעמפּעל).

שמש.

— פאַר וואָס פערלעשסטו דאָס פײַער?

יואל (קוקט זיך' אַרום, שטיל).

— איהר זעהט גאָר נישט אין בית המדרש?

שמש.

— וואָס מײנסטו?

יואל.

— כ'מײן, איהר זעהט גאָר נישט?..

שמש.

— וואָס זאָל איך זעהן? דעם אָרון קודש זעה איך; דיך זעה איך.

יואל.

— הײַסט עס גאָר נישט... (ער זעצט זיך, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויפ'ן ספר).

שמש.

— דאַרפסטו אַלײן נישט בלײַבען אויב עס שרעקט דיך, עס

שרעקט דיך, וואָס? (בעקוממ קיין ענטפער) בּיזטו מיעד, מיין קינד;
בּיזטו פערשלעפערט, שפּאַר זיך צו אַ בּיסעל אויפ'ן בּימה און דערנאָך
וועסטו לערנען בּיז טאָג.

יואל (ווי פריהער צושטרייט).

— דעם אָרון־קודש פערשליסט איהר?

שמש.

— ניין, ווען דען ווער גנבע'נען, חלילה, די הורות פון אָרון־
קודש אַרוים? אָט, דרעמעל זיך דורך אַ בּיסעל — אַ גוטע נאַכט, מיין
קינד, אַ גוטע נאַכט. (געהט צום טהיר).

יואל.

— פערשליסט די טהיר פון דרויסען!

שמש.

— וואָס רעדסטו פאַר אַ נאַרישקייטען?

יואל.

— כ'וועל סאַיי ווי אויף דער גאַס נישט אַרויסגעהן.

שמש.

— רעדסט נאַרישקייטען, ווי פערשליסט מען עם אַ מענשען?...
אַ גוטע נאַכט! (געהט אַרויס)

יואל.

(ער מאַכט ווידער גרעסער דאָס פייער. ער קוקט זיך אַרום, ווי
ער וואָלט נאָך אימעצען שפּירען אין בית המדרש).

חוה.

(גאַנץ שטיל. מיט אַ מוטערליכער צערטליכקייט).

— שרעק זיך נישט, יואל; איך בין נעבען דיר.

יואל.

(ער ברייט אויס זיינע הענד פערוואונדערט, נים וויסענדיג פון וואנען דער קול געהט. ער דרעהט אינסטינקטיוו אראָב דאָס פּייער אין לעמפּעל און בלייבט זיצען פערשטיינערט).

חוה.

— דו לערן, לערן. איך וועל די גאַנצע נאַכט וואַכען איבער דיר.

יואל.

(ער מערקט חוה'ן. בלייבט זיצען אונבעוועגליך איינגעגראָבען אין ווינקעל נעבען ארון קדש).

חוה.

— איך בין עס, חוה. אנטלויפסט פון מיר, בעהאַלטסט זיך פון מיר. געדענקסט, האָסט דאָך מיר געהייסען איך זאָל בלייבען נעבען דיר. כ'זאָל פון דיר נישט אוועקגעהן...

יואל (שטיל).

— חוה...

חוה.

— ביי איך אין שטוב איז מיר פינסטער אָהן דיר. ביז דו וועסט מיך נישט אוועקטרייבען וועל איך אַלץ זיין נעבען דיר.

יואל.

— וואָס ווילסטו פון מיר?

חוה.

— דו שרעקסט זיך אזוי, דו ציטערסט... קיינער איז נישטאָ, כ'וועל צו דיר אַראָבגעהן.

יואל.

— חוה... ניין, נישט דו ביזט עס. ניין. ווער האָט אין בית המדרש אזוי פינסטער געמאַכט? ווער האָט אזא לאַנגע שווארצע ליכט אָנגעצונדען ביים עמוד?

חוה.

— אהער נעהנטער, צו מיר קום. נעהנטער, אהער קום, כ'וועל דיר אין פנים אָנזעהן. און דו וועסט מיר זיין נעהנטער, קום צו מיר (זי ציהט איהרע הענד) אזוי נאָהנט בין איך פון דיר און דו דערקענסט מיך נישט.

יואל.

(ער פערדעקט זיינע אויגען).

— בלייב דאָרטען.

חוה.

— איך וועל צו דיר אַראָבגעהן. איך וועל זיך ביי די טרעפ פון אָרון קדש זעצען און דו וועסט לערנען.

יואל.

— בלײַב דאָרטען, בלײַב דאָרטען... נײַן, כ'האָב מורא אַלײן דאָ צו בלײַבען. הײַנט האָב איך מורא.

חוה.

— איך גײה צו דיר, איך גײה צו דיר, כ'וויל וואָס גיכער געבען דיר זײַן. (פערשווינדט)

יואל.

— דו ווערסט פאַלען!

(נים מערקענדיג חוה'ן הויבט ער זיך אויף און נעהמט מיט שנעלע טריט אַרויסגעהן פון בית המדרש. גאָר אין יענעם מאָמענט לויפט חוה אַרײַן. ער פאַלט מאַכט־לאָז אין איהרע אָרעמס).

חוה.

— יואל, מײַן ליעבסטער; יואל מײַן שענסטער, וואָס שרעקסטו דיך אַזוי? וואָס דריקט דיך אַזוי?

(שטיל).

יואל (ציטערט).

— וואו בין איך?

חוה.

— בײַ חוה'ן אויפ'ן האַנד. בײַ דײַן געליעבטער... איך וויל דו זאָלסט מיך אַזוי ליעב האָבען ווי דו האָסט ליעב די תורה.

יואל.

— רעד עס נישט.

חוה (ווי קושט איהם).

— נאָך איין ווײַלע און איינעם מיט דיר. הײַנט דאַרף בײַ דיר תנאים זײַן מיט אֶסתּר'ל דעם רב'ס הײַנט. אַט באַלד. לאָז מיר נעבען דיר בלײַבען. שפּעטער וועל איך שוין נישט טאָרען, שפּעטער וועל איך שוין נישט זײַן. וועסטו הערען ווי קליינע קינדער וויינען, קינדער וואָס קענען נאָך נישט רעדען, וויינען, זאָלסטו וויסען, אַז דאָס וויינען זיי עם אויף אונזער מזל. און אויף אֶסתּר'קעס. זי וועט מען אויך מיט געוואַלד צונעהמען פון איהר געליעבטען... זי וועט אויך וויינען אין דער שטיל און קיינער וועט נישט הערען, קיינער וועט נישט וויסען... מען האָט אַוועקגעשיקט, רבנים זאָלען קומען. דו וועסט אַ דרשה זאָגען צו די תנאים און אֶסתּר'קע וועט זיצען אין דער שטיל און וויינען און קיינער וועט נישט וויסען פאַר וואָס זי וויינט.

יואל.

— ס'דוכט מיר כ'בין פון אַ בריק אין אַ טיעפען וואַסער אַריינגעפאַלען, דאָס וואַסער טראָגט מיך אַלץ ווײַטער פון ברעג, אַלץ ווײַטער פון דעם בריק.

חוה (איהר שטיקען טרערען).

— ווער רײַסט דיך אָב פון דער תורה? בין איך שולדיג? לאָז איך דיר נישט?

יואל.

— ש־ש־ש, רעד נישט. (אין אַ ווײַלע אַרום) ס'איז געווען ליכטיג ווי אין גן־עדן. ווי פרײַטאָג בײַ נאַכט אין בית המדרש. ווען אין אַלע רעהרען ברענען ליכט. שטענדיג איז געווען ליכטיג אַרום מיר.

וויפיעל ליכט כ'האָב געוואָלט האָט מען מיר אָנגעצונדען...
מיין טאַטענס שטוב האָט מיר שטענדיג ווי א בית־המקדש
אויסגעזעהן, די ווענד האָבען געשיינט און געלויכטען מיט טייערע
שטיינער, וויפיעל דימענטען כ'האָב געוואָלט האָבען זיך אָנגעצונדען מיט
ליכטיגקייט. איצטער איז פינסטער... טהו תפילה פאַר מיר, חוה,
איך זאָל זיך צוריק צו מיין פריהערדיגער היים אומקעהרען. ס'זאָל זיך
צו מיר צוריק דאָס פריהערדיגע ליכט אומקעהרען...

חוה.

(זי וויינט אין דער שטיל).

יואל.

(ער וויל זיך פון איהר בעפרייען נאָר ער איז צו שוואך).

חוה.

(זי קושט איהם לאַנג, ער וועהרט זיך ניט).

— ווי די תורה האָב איך געמיינט וועסטו מיך ליעב האָבען,
ווי די תורה וועל איך דיך ליעב האָבען... דו וועסט די תורה לערנען
און איך וועל דיינע ליכטיגע אויגען קושען. (קושט זיינע אויגען) איז דיר
פינסטער אַרום? האָסטו די תורה פערלאָרען?.. האָט דיך די תורה
פערשטויסען?.. קעהר זיך אום, יואל. אָט דאָרט איז דיין אָרט; אין
ווינקעל, נעבען אָרון קדש... דאָרט ברענט דיין לאָמפּ. (זי פיהרט
איהם צו זיין אָרט. מאַכט גרעסער דאָס פייער. עפענט איהם אויף זיין ספר)
אָט איז דיין הייליגער ספר... ליכטיג וועט דיר זיין... אָט איז דיין
אָרט ווידער... ליכטיג וועט דיר זיין... ווען קליינע קינדער וועלען
וויינען, קינדער וואָס קענען נאָך ניט רעדען — וויינען — דאָס קלאָגען

זײַ עם אויף אונזער מזל... (זי געהט אַרויס מיט שנעלע נאָר שטילע טריט פון בית המדרש. לאָזט אויפגעפּראַלט די טהיר הינטער זיך).

יואֶל.

(ער שוידערט פון קעלט. קוקט מיט ברייט געעפענטע אויגען צום טהיר, ווי נאָך אַ צויבער=בילד וואָס פערשווינדט פון איהם. מיט אונטערגעבראָכענע טריט לאָזט ער זיך געהן צו די טרעפּלעך וואָס נעבען אָרון קדש. ער קלויבט זיך אַרויף העכער ביז צום אָרון קדש. זײַנע אויגען זענען נאָך אַלץ צום טהיר געווענדט. ער פּליאָנטערט זיך מיט די הענד אָן פּרוכת. ס'זעהט אויס ווי ער קען זיך ניט דערקלויבען צו די טהירלעך פון אָרון=קדש. די פיס ווערען איהם אַלץ שוואַכער און שוואַכער ביז ער לאָזט זיך אין גאַנצען אַראָב אויף דער ערד. שטיל. ס'הערט זיך נאָר דאָס טיקען פון זייגער. ערגעץ גרילצט אַ גריל).

לאַנגזאַם פאַלט די פאָרהאַנג.

די ערד.

א דראמא אין דריי אקטען.

פערזאנען:

עזר, א גוטבעזיצער.

פאני }
משה } זיינע קינדער
נפתלי }

כיינעלע }
מאיר } א נאהענטן גוטבעזיצערס קינדער

אננא.

סאפיר.

הויז-מיידל.

ערשטער אקט.

פֿאַנאַנע פֿריהלינג. בײַ עזרן אין גוט. רעכטס זעהט זיך די פֿאָדערשטע זײַט פֿון אַ גרויס הויז מיט אַ גאַנעק אין מיטען. דער גאַנעק איז אַרומגעפלאָכטען מיט ווילדע טרוקענע ווײַנטרויבען. פֿאַר'ן שטוב איז צו דערקענען געוועזענע בייטען, אײַנגעגראָבענע בענקלעך. אין דעם הינטערגרונד זעהט זיך אַ צוים פֿון שטאַכעטען און נעבען איהם וואַקסען טאָפּאָליען. אויף יענער זײַט צוים זעהט זיך אַ ברייט פֿעלד, וועלכעס גרינט שוין. אין מיטען פֿעלד שלענגעלט זיך אַ וועג. פֿון בײַדע זײַטען וועג—בוימער. דער וועג ווערט פֿערפֿאַלען נעבען אַ וואַלד, וואָס זעהט זיך פֿון ווײַטען. לינקס — אַ ווינקעל פֿון אַ שטײַכלער. נעבען שטײַכלער אַ ברונען מיט אַ הויכען זשוראַוועל וואַסער צו בעקומען. ניט ווײַט פֿון ברונען — אַ הוידאַווקע אויף שטריקלעך צווישען צוויי סלופּעס.

פֿאַני (אויף די בערגלעך פֿון שטוב. צוגראַבט מיט אַ רידעל פֿליסיג די ערד פֿאַר'ן שטוב. רופֿט):

מאַ—שע! מאַ—שע!

מאַשע (הינטער'ן פֿענסטער). וואָס ווילסטו?

פֿאַני. וואָס קלײַבסטו זיך דאָרטען? קום, איך האָב שוין באַלד אַ האַלבען גאָרטען צוגראָבען. אַננאַ וועט מיר ברײַנגען זאָמען פֿון אַלערליי בלומען, וואָס זענען נאָך קיין מאָל בײַ אונז ניט געוואַקסען. דו געהסט?

מאַשע (הינטער'ן פֿענסטער). איך געה באַלד!

פֿאַני. די ערד איז נאָך פֿײַכט־ווייך געבליבען פֿון די פֿאַראַוואַריגע בלומען. (גראַבט). זעהסט, דער רידעל קריכט אַליין אין דער ערד. אַ ריר מיט'ן פֿוס — און פֿאַרטיג!

מאַשע (מיט אַ בלאַסען פֿערהלמ'טען געזיכט. קומט פֿון שטוב. לײַכט בעקליידעט).

פֿאַני. צי וואָס האָסטו אָנגעטהאָן אַזאַ העלע בלוזע? וועסט דאָך איהר פֿערשמירען.

מאַשע. אַננאַ וועט באַלד קומען. ס'פּאַסט ניט. געה טו זיך די אויך אָן. ווי אַ דאָרפֿישע שיקסע זעהסטו אויס.

פֿאַני. אַננאַ קען מיר גאָר ניט? אין גימנאַזיום בין איך — וואָס? זאָל זי נאָר קומען; באָרפֿוס וועט זי בײַ מיר געהן; שנעלער —

װאַרף אַראָב דײַן װײַסע בלוזע. נעם אַ רידעל און קום העלף מיר גראָבען!

מאשע. כ'װעל זיך אַ ביסעל אײַנקוקען װי דו גראָבסט.

פאני. פֿילסט זיך?

מאשע. ס'װילט זיך קוקען גלאַט אין דער װעלט אַרײַן.

פאני (גראָבענדיג). קוקען גלאַט אין דער װעלט אַרײַן איז אױך אַן אַרבײַט; נאָר דו װעסט דאָרט אַ פֿײַג װאָס זעהן. — די בושליעס האָסטו שױן געזעהן?

מאשע. זײַ זענען שױן דען פֿאַראַן?

פאני. אָט האָסטו דיר! געהסט אום, קוקסט, גלאָצסט אין דער װעלט אַרײַן און האָסט נאָך די בושליעס ניט געזעהן. געה, אױף דעם קוה־שטאַל װעסטו זײ זעהן.

מאשע (װיל געהן).

פאני. געה ניט, געה ניט! קענסט איהם נאָך דערװעהן שטעהענדיג. איך האָב איהם געזעהן פֿליהענדיג. ער איז אַזױ הױך געפֿלױגען! פֿריהער האָט ער זיך געדרײט אױף אײן אָרט און דער־נאָך — גלײַך זיך אַראָבגעלאָזען צו אונז אױפ'ן זשעזשינעץ.

מאשע. אײנער איז געװען?

פאני. נאָר אײנער. די „זי", מסתמא, איז שפּעטער אָנגעקומען. װײַל נעכטען פֿאַרנאַכט האָב איך זײ שױן בײדען געזעהן פֿליהענדיג צום אָזיערע.

מאשע. װי גיך זײ האָבען זיך שױן דערװאוסט, װאו די אָזיערע איז!

פאני. ביזט אַ נאַר; דאָס זענען דאָך די אײגענע װאָס זע־נען פֿאַראַיאָהרען בײַ אונז געבאָרען געװאָרען. זײ ליגט נאָך אין מױל דער טעם פֿון די פֿאַראַיאָהריגע זשאַבעס.

מאשע. דאָס זענען די יונגע קלערסטו?

פאני. געװיס די יונגע. װעסט זעהן, בײַ זײ זענען נאָך די שנאָבלען שװאַרץ. די אַלטע פֿאַלען אױפ'ן װעג אין ים אַרײַן און װערען דערטרונקען. זײ ציהען זיך אױפ'ן װינטער אין די װאַרימע לענדער. בעגעגענען זײ גרױסע ים'ן. מוזען זײ אַריבערפֿליהען... די יונגע פֿליהען איבער און די אַלטע פֿאַלען אײנציגװײַז אין ים אַרײַן.

מאשע. און די קראַנקע?

פאני. די קראַנקע פּערפּיקען די געזונדע בושליעס פֿאַר'ן אַװעקפֿליהען. געדענקסט, מאיר האָט אַמאָל געבראַכט צו אונז אַ פֿאַר־פּיקטען בושעל; קוים װאָס ער האָט געשיפּעט.

מאַשע. זיי האָבּען ליעבּ גאָר געהונדע?

פאַני. געווים. זיי האָבּען ליעבּ געהונדע, יונגע... נישטאָ ביי זיי קיין שפּיטעלער פאַר קראַנקע; נישטאָ ביי זיי קיין הייזער פאַר אַלטע; נישטאָ ביי זיי קיין וועלדער פאַר סיכאָטניקעס ווי דאָ ביי אונז — כסדר יונג, פריש און געזונד... נו, נעהם זיך פאַר דער אַרבּייט — געשווינד!

מאַשע. כוועל זעהן הינטער'ן שטוב. אפשר וועגען דאָרט פאַראַן די בּישליעס.

פאַני. אַז מען זעהט צום ערשטען מאָל דעם בּישעל פלי־העגדיג האָט מען אַ פליהענדיג יאָהר: מען לעבּט, מען שוועבּט, מען איז פריילעך... און אַז מען זעהט איהם שטעהענדיג האָט מען אַ שטעהענדיג יאָהר... איז דעם גאַנצען יאָהר זיצער אויפ'ן האַרצען. איז מען פערשלאָפען און עס ווילט זיך געגעצען... איז מען פערחלמ'ט פונקט ווי די מיין שוועסטער... (זי וואַרפט דעם רידעל און כאַפּט אַהים מאַשע'ן). קום צו מיר, פערשלאָפענע נשמה. ווילסט דאָך פאָהרען אין גימנאַזיום. וואָס וועט פון דיר ווערען אין דער גרויסער שטאָט, אַז דאָ בּיזטו אַזוי?..

מאַשע. די פערשטעהסט גאָר ניט. אין דער גרויסער שטאָט, צווישען אַ פולע לעבּעדיגע מענשען וועל איך אויך לעבּעדיגער זיין.

פאַני. און איך וועל דיר ניט לאָזען פאָהרען אין שטאָט אַריין. דאָ וועסטו פערבּלייבּען (דערלאַנגט מאַשע'ן דעם רידעל). גראָבּ און איך וועל זעהן צו זיי פאָהרען שוין.

מאַשע (גראָבּט לאַנגזאַם).

פאַני. שנעלער, שנעלער! איך וועל באַלד אַרויפקריכען אויפ'ן פּאַרקאַן, דעם גאַנצען געגענד וועל איך זעהן (קלעטערט אויפ'ן צוים). קום צו מיר מאַשע!

מאַשע (וואַרפט דעם רידעל און געהט צו פאַני'ן). וואָס זעהסטו דאָרט? (זי קריכט אויך אַרויף אויפ'ן צוים. זיי שטעהען בּיידע אָנגעשפּאַרט אָן אַ בּוים).

פאַני. אפילו די אָווערע זעהט מען דאָ שטעהענדיג.

מאַשע. וואו האָסטו דיר?

פאַני. קוק גלייך — אָט—אָט—אָט! רעכטס פון וועג. דאָרט וואו דער הימעל לאָזט זיך אַראָבּ... זעהסט עס בּלאַנקט ווייס?

מאַשע. איך זעה.

פאַני. די איז בּעגליכטען פון דער זון און אין וואַסער שפּילען זיך אָבּ די ווייסע פריהלינגס וואָלקען. (שרייט). הי—האָ! הי—האָ! מאַשע! זעה, זעה! צוויי בּושליעס פליהען אָט—אָט נעבּען

וואלד. זײ פֿערגעהמען זיך צום אויערע! גיכער, גיכער — זײ לאָזען זיך צראָב!

מאשע (איבערראשט). איך זעה... איך זעה... זײ לאָזען זיך צראָב... אָט האָט זיך שוין אײנער אראָבגעלאָזען... אָט שטעהט ער שוין... אָט שטעהען זײ שוין בײדע...

פֿאני. אָבער פֿאָרט פֿליהענדיגע געזעהן... איצטער װעלען מיר בײדע אראָבשפּרינגען — האָפּ! (שפּרינגט אַרונטער מיטשלעפּענדיג מאשען).

עוזר (קומט אַרױס).

פֿאני (ליפּט איהם אנטקעגען). מיר האָבען געזעהן צװײ פֿליהענדיגע מושלים!

עוזר (בעקוקט די צוגראָבענע ערד). װעט זײן אַ מזל'דיג יאָהר... װאָס בעדאַרפֿסט איהר זיך אַלײן מאַטערען? איך װעל שױן קען אַ פּאָר שקצים װעלען זײ עס אײך מאַכען אין אַ פֿערטיל שעה.

מאשע. מאַכן ניט!

פֿאני. און איך װעל אַלײן צוגראָבען. באַלד װעט אַננאַ קומען װעל איך איהר אײנשפּאַנען אַביסעל זי זאָל מיר העלפֿען... מיר טהוט באַנג װאָס איך בין איהר ניט נאָכגעפֿאָהרען אַנטקעגען.

עוזר. נפֿתלי איז דאָך געפֿאָהרען.

פֿאני. אָבער טײַלינקע — זעה װי ער האָט זיך אַרױסגעריסען! קײנער האָט גאָר ניט געהערט װי ער איז איבגעשטאַנען. װאוהין געהסטו פּוּפּע?

עוזר. איך מוז געהן אין פֿעלד אַרײן. מען באַראַנעװעט הײנט דעם האָבער.

מאשע. איך געה מיט דיר, זײדע!

עוזר. ס'איז צו װײט פֿאַר דיר, מײן קינד.

מאשע. איך געה. אַז אַננאַ װעט קומען װעסטו אונז, פֿאַני, אָנזאָגען — ניט?

עוזר. זײ אין שטוב. איך געה בלױז װײנטיל בײן אַנדערען בריקעל.

פֿאני. זעהר גוט, מאשענקע. דאָרט נעבען בריקעל, אין גראָבען בעדאַרף שױן זײן געלער לאַטאַטש — װעסטו אָנרײסען? בײװעל אָנשטעלען אױף אונזערע פֿענסטער...

עוזר. קום מײן קינד. ס'איז קײן צײט ניטאָ. (אָב לינקס).

מאשע. גיב מיר דײן שירם מיט, װעל איך האָבען אין װאָס צו קלײבען... (זי נעהמט בײ פֿאַני'ן דעם שירם און טהוט איהם אָן נאָכלױפֿענדיג עוזר'ן. פֿערשװינדט).

פאַני (נעהמט זיך ווידער פאַרן גראָבען. זינגט):

דער פריה—לינג געהט;
און ער פייער—שפּריט
זיין ליכט און צוי—בער
אויף אַ—לע וועגען —
ער שוועבט אין לופט
ער ווינקט און הופט
מיט טויזענד אוי—גען
און טוי—זענד קלאַנ—גען!..

פייגעלע (באַווייזט זיך אויף יענער זייט צוים. רופט):
קו-קו! קו—קו!

פאַני (קוקט פון וועלכער זייט סירופט. מערקט פייגעלען).
האַ—האַ! דו ביסט עס? דיך בעדאַרף איך טאַקע האָבען.

פייגעלע (קריכט איבערן צוים). כ'האָב איצטער נאָר וואָס געהערט די קוקפּקע רופען אין וואַלד.

פאַני. שוין אַזוי פריה?

פייגעלע. כ'האָב זי אַליין געזעהן. זי איז געשפּרונגען פון בוים צו בוים—געשפּילט אין בעהעלטעניש מיט די וואָראָבעי-טשיקעס. וואָס טהוט איהר עס פאַני?.. איך בין געקומען פרעגען אויב איהר וועט פערדינגען אייער סאַלקע פאַר אַ „זומער-פייגעלע“. אין שטאָט, זאָגט מען, זיינען שוין פאַראַן אַפילו מיכאַטניקעס.

פאַני (ערענסט). אין וואַלד איז ער שוין געקומען. סקלייבען זיך שוין אַהער די פּירות... שוין אָנגעהויבען צו אונז אויך צו טרעפען... און דו, פייגעלע, ווייסט זיי דעם וועג...

פייגעלע. ער איז געקומען צו אונז פרעגען. ביי אונז איז קיין אָרט ניטאָ.

פאַני. ווילסטו איהם דעריבער ברענגען אַהער צו פיהרען.

מאיר (קומט אָן פון נעבען ברונען).

פאַני (מערקט איהם). אָט איז מאיר! כ'האָב זיך ניט געריכט דיך צו זעהן היינט. פון וואַנען געהסטו?

מאיר. איך אַקער היינט ניט ווייט פון אייערע פעלדער.

פייגעלע. פאַני זאָגט, אַז זיי וועלען זייער סאַלקע ניט פערדינגען.

פאַני. מאיר, וואָס פאַר אַ בחור דערציילט זי עפּעס?

מאיר. ער איז היינט צו אונז געקומען גלייך פון באַהן. מען האָט איהם געזאָגט, אַז ביי אונז וועט ער אַ דירה געפינען.

פאני. מאיר, מאיר... און דו ביזט אויך געקומען צו אונז פרעגען... ווייסטו דען ניט וויפיל מיר קרענקט וואס זיי געפינען זיך אין אונזער געגענד... און דו קלערסט, אז כ'וועל זיי אין אונזער שטוב אריינלאזען... (קלערט א ווילע). מסתמא ליגט איהם שוין דער טויט אין זיין שפיץ נאז, אז ער האט זיך אזוי פריה אראבגעלאזען אין וואלד אריין.

פײַגעלע. (ציהט זיך אויס). א הויכער... א לאנגער... א שווארצער... א דארער...

פאני. פון יאהר צו יאהר וואקסט צו א שטיק בית עולם אונטער'ן שטאט. אין גיכען וועט זיך דער בית עולם בידן וואלד פערציהען... דעם וואלד האבען זיי פערפעסטעט. יעדען בוים פערשאלטען, דעם גאנצען געגענד פערפינסטערט. (פלוצלונג). הערסט, מאיר! איהר זאלט צו זיך קיינעם ניט אריינלאזען. כ'וויל ניט, אז ביי אייך זאלען זיין געסט פון יענער וועלט. איך וועל צו אייך קיין מאל ניט קומען. קיין מאל ניט! כ'וועל איבערמיידען אייער שטוב. זעה, מאיר (זי נעהמט זיין האנד) ווי יונג און שען דער וואלד זעהט איצטער אויס! מיט גאנצע בינט ליכט איז ער בעדעקט... יעדען פריהלינג ערוואכט ער, רייסט זיך צום לעבען... און באלד וועלען זיך אראבלאזען אהער די פגירות, וועלען זיך פערקלייבען אין וואלד — און קראקען שווארצע וועלען אנהייבען ארום וואלד ארומצוקריכען... ווייסט, מאיר, ווי כ'האב א נאמען געגעבען דעם וועג, וואס פיהרט פון שטאט צום וואלד? „דער מתים וועג".

פײַגעלע. הא—הא—הא—דער מתים וועג! כ'וועל מיר גאר הוידען א ביסעל (הוידעט זיך).

מאיר. רעד עס ניט, פאני—אלע מענשען ווילען לעבען.

פאני. אלע מענשען ווילען לעבען. ס'איז שוין אבער לאנג צייט, אז מען זאל וויסען דעם גרעניץ צווישען לעבען און טויט. אין אונזער געגענד, וויל איך, אז נאר דאס לעבען אליין זאל הערשען — לעבען, לעבען — און לעבען! ס'טריקענט א צווייג ברעכט איהם דער ווינד אויס... דו אליין מאיר האסט אין דיין גארטען ארומגעשניטען די טריקענע צווייגען פון די עפעל־בוימער — זעהסט גאר אנ'אנדער פנים האט דער גאנצער גארטען בעקומען. נארישע מענשען! קליגער פון דער נאטור ווילען זיי זיין.

פײַגעלע. הערט! הערט! די קוקופקע! (סהערט זיך פון ווייטען דאס רופען פון קוקוק. א ווילע הערען זיי זיך אלע איין).

מאיר (שטיל). זאג מיר פאני, פאר וואס האסטו אויסגעשריבען דיין פריינדין?... דו ביזט געלטען צום וועג איך ניט ארויסגע־

קומען. איך בין אפשר ביז האַלבע נאַכט אַליין אומגעגאַנגען מיט'ן וועג פון וואַלד ביז צו דער קרומער ווערבע... וואו, פאַני.—

פאַני. צוליב דעם ביזטו געקומען? (קוקט איהם אָן, שמייכעלט).

מאיר. צוליב דעם.

פאַני, שעם זיך איך צוליב דעם ביזטו געקומען. זי איז מיין בעסטע פריינדין פון גימנאַזיום. ס'האָט זיך מיר פערבענקט נאָך איהר. זי אַליין האָט מיר אויך געשריבען, אַז זי וויל אַהער קומען.

מאיר (נעהמט איהר פאַרן האַנד). איך מיז שוין באַלד אַוועקגעהן. איך האָב געלאָזען די אָקסען מיט דער סאָכע אין פעלד אַליין... פאַני, היינט ביי נאַכט וועסטו קומען—יאָ? פאַני... איך בין אַליין אויף יענער זייט וואַלד. מ'דוכט זיך מיר אוים, אַז דו ביזט אַזוי ווייט פון מיר.

פאַני. דער וואַלד שטעהט צווישען אונז... (לעגט איהר האַנד אויף זיין אַקסעל. קוקט איהם גלייך אין די אויגען) אין דיינע אויגען, מאיר, שפיגעלט זיך אָב דער גאַנצער פריהלינג: זיינע הימלען, די בעגרינטע פעלדער... די געדענקסט אַמאָל מאיר צום אָזערע בע-גיגען ווען די זון געהט אויף? טוי—פיילמע שטראַלען שפּיגלען זיך אין דיינע אויגען... שטראַלען, וואָס באָדען זיך אין פרישען וואַסער. געה, מאיר, אַקער די ערד, אַקער צוזאַמען מיט די אָקסען און איך וועל מיר מיט מיינע הענד די פריהלינגס ערד צוגראָבען... כ'וועל דאָ בלומען פערזייהען.

פיינעלע (הוידעט זיך). מאיר! די אָקסען וועלען זיך אַוועקשלעפען צום וואַלד!

מאיר. יענעם מאָרג ערד, וואָס קומט אוים נעבען דער קרומער ווערבע, האָב איך נעכטען אַליין געזייהט.

פאַני. וועסט זעהן ווי געראָטען ס'וועט זיין. איבער'ן קאָפ די הויך וועלען די תבואות אויסוואַקסען! און איך וועל קומען שניי-דען. איך אַליין, נוט? (אינטער'ן שטיב קלינגט). אַהאַ! זיי פאָהרען שוין! הערסט, מאיר, דאָס איז אונזער גלאָק—פרעהליך קלינגט ער געסט פאָהרען! נאָר מיט אַנאַנדער וועג פאָהרען זיי. זיי וועגען מיט'ן גרעבעליע געקומען... די גרעבעליע איז שוין אויך טרוקען!..

מאיר. איך מיז אַוועקגעהן—פאַני, ביי נאַכט, יאָ? (איילט לינקס).

פאַני (שרייט נאָך מאיר'ן). ביי נאַכט, מאיר, וועסטו צו אונז קומען—פריגעלע, בלייב דאָ. (זי שטעלט זיך אויף דעם צוים. קוקט אונגעדולדיג אַריבער).

פיינעלע. די פערד האָבען זיך צויאָגט!

פאני. די פערד האבען זיך צוטראגען!.. זיי יאגען זיך גלייך צום וושעושיניץ!.. ער קען זיי ניט איינהאלטען... גלייך צום וושעושיניץ... שוין... זיי האבען זיך אבגעשטעלט (שפרינגט ארונטער). קום פרינעלע, לאמיר זיי לויפען אנטקעגען (זיי פערשווינדען ביידע נעבען שפייכלער לינקס. א ווייל בלייבט די סצענע ליידיג. דאס גלעקעל קלינגט גאר נאהענט הינטערן שטוב. ס'הילכט א געלעכטער. פאני'ס קול: „האלט פעסט די לייטשעס!“.. שטיל. אויף יענעם זייט צום בעווייזען זיך פאני, נפתלי, אננא און פייגעלע — געהן נאך דער ריכטונג צום שפייכלער — און קומען ארויס נעבען בהינען.)

אננא (א שאטענקע. מיטעלער וואוקס. דאס געזיכט מיער און בלאס.) אט — עגדע בין איך ביי דיר פאני.

פאני (כאפט אננען פאר'ן האנד). האסט דיך ניט דערשראקען? בין נאך קיין מאל ניט געפארען ווען די פערד צוטראגען זיך, — און איך — נאר אצינד האב איך ליעב צו פאהרען. דער וואגען קרעכצט — די רעדער ברעכען זיך אויש — און איך זיץ אויבען און שמייס די פערד! (בעווייזט אננען די צוגראבענע ערד) זעהסט, דאס האב איך פאר היינטיגען פריהמארגען צוגראבען. דא וועל איך פארזיעען דיינע בלומען וואס דו האסט מיר געבראכט... קוקסט מיר אן, אננא? ניט די זעלבע פאני, הא? טאקי ניט די זעלבינע: אין גימנאזיום האב איך געוועלקט. און דא — דא וועסטו אויך אנאנדערע מענש ווערען; קום אין שטוב, וועסטו זיך אביסעל אברוהען.

אננא (קוקט זיך ארום).

מיר דוכט, אז דאס לעבען קערט זיך צו מיר אום אדער עס קומט איצט צו מיר צום ערשטען מאל. (זיי געהן ביידע אין שטוב.

נפתלי און פייגעלע בלייבען).

דער קוטשער. (טראגט איינינע פעקלעך זאכען אין שטוב אריין און געהט גלייך צוריק).

פייגעלע (צו נפתלקען).

קענסט טאקי ניט פאהרען, שעם זיך! ביי מיר וואלטען שוין די פערד איינגעשטאנען.

נפתלי. באשר דער פארשלאפענער קוטשער. ביי מיר — איך האלט פארדרייט די לייצעס אויף די הענד און בידן קארב די פערד זייערע קעפ פאריסען! די פערד האבען זיך דערשראקען. אויפ'ן בריקעל האט זיך איינגעבראכען א ברעט. ס'האט א גרויסען קנאק געגעבען... אך האבען זיי זיך געטראגען — — — בערעגים! מיט די פעלדער גלייך צום וושעושיניץ זענען זיי געפלויגען!

פֿײגעלע (לאַכט). זי האָט זיך געמוזט דערשרעקען?

נפֿתלי. זי האָט זיך אָנגעהאַלטען פֿאַר׳ן קוטשער און דער וואָגען — ברעזוענג! ברעזוענג!... אַז איך בין היינט אויפֿגעשטאַנען איז נאָך קיינער אויף די פֿעלדער ניט געווען... נאָר וואָס די זון איז אויפֿגעגאַנגען.

פֿײגעלע (פֿאַרקלערט). זי וועט דאָ לאַנג בלייבען אַננאַ בײ אײך?

נפֿתלי. דעם גאַנצען זומער. דער פּאַפּאַ וויל אַז זי זאָל מיר לערנען. כ׳וועל שוין אַפּילע מיט נאָך אָנלערנען. סוועט שוין זיין פֿאַר מאַשען אָנ׳עסן.

פֿײגעלע (אומעדיג). פֿאַר וואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט אַז דו פֿאָהרסט היינט צום באַן? האָסט ניט געקענט פֿאַרפֿאָהרען צו אונז און מיר אויך נעהמען?

נפֿתלי. האָסט דען געוואָלט אַז כ׳פֿאָהר?

פֿײגעלע. זעהסטו אַז איך האָב געוואָלט אַז דו קומסט צו־פֿאָהרען.

נפֿתלי (בראָגעס). ביזט אַנאַר. דאָס איז זי געקומען צו פֿאַניען. די איז איהרע אַ חבֿרטע. אָהן עלטערען איז זי.

פֿײגעלע. אָהן טאַטע מאַמע?

נפֿתלי (שליידערט פּלוצלונג דעם רידעל). הירע! וואָלסט דען אַזוי פֿריה וועלען פֿאָהרען צום באַן? כ׳וואָלט נאָך געקענט פֿערשפּעטיגען. קום אויף אונזערע פֿעלדער מיר וועלען אויפֿזוכען מאַשען.

פֿײגעלע (אומעדיג). כ׳האָב היינט געזעהן צום ערשטען מאָל דעם בושעל שטעהענדיג. ער איז געשטאַנען אויף איין פֿוס.

נפֿתלי. די האָסט געוואָלט דווקא, אַז איך זאָל דיר נעהמען צום באַן (רעדט שטילער) כ׳האָב זיך געשעמט פֿאַר דיין טאַטען. פּלוצלונג צופֿאָהרען מיט די פֿערד! דער קוטשער וואָלט אויך ניט וועלען, מען דאַרף די פֿערד האָבען. (כאַפּט איהר פֿאַר׳ן האַנד) קום, פֿײגעלע! לאָמיר זעהען ווער וועט גיכער אַריבערשפּרינגען דעם פּאַרקאַן! (ער לויפֿט זיך פֿערנאַנדער און מיט איין שפּרונג איז ער אויף יענער זייט צוים).

פֿײגעלע (גייט צו צום צוים און בלייבט שטעהן אומעדיג און שטיל).

נפֿתלי. נו, שפּרינג אַריבער!

פֿײגעלע. איך קען ניט שפּרינגען.

נפֿתלי. קום איך וועל דיר אַריבערנעהמען.

פֿײגעלע (שווייגט).

נפתלי (קריכט אריבער צוריק).

פייגעלע. ביזט ברוגז? — זאג! מיר וועלען היינט ביידע פאהרען רייטענדיג אויף אונזערע קאשטענעוואטע פערד... ניט?.. פארביי אייער שטוב וועלען מיר פאהרען פארנאכט...

פייגעלע. פארביי אונזער שטוב — נעבען אונזערע פענסטער אז אלע זאלען זעהן?

נפתלי. אז אלע זאלען זעהן!

פייגעלע. און דאנאך נעבען אייערע פענסטער אויך?

נפתלי. נעבען אונזערע פענסטער אויך!

פייגעלע. אז אלע זאלען זעהן?

נפתלי. אז אלע זאלען זעהן!

פייגעלע (מונטער). איצטער יאג מיר — א פיינ וועסטו מיר כאפען! (שפרינגט אריבער דעם בוים פלינק ווי א קאטץ און ווערט פערשוואונדען).

נפתלי (שרייט איהר נאך) פון מיר וועסטו ניט אנטלויפען! (ער פערשווינדט נאך איהר).

(פאני געהט ארויס פון שטוב. נאך איהר אננא).

פאני. די ביכער זאגסטו האבען דיר דערעסען... ווען די וואלסט זיי קיין מאל ניט ליב האבען וואלטען זיי דיר קיין מאל ניט דערעסען. איך האב זיי קיין מאהל ניט ליעב געהאט, געדענקסט דאך מיר פון גימנאזיום. (שווייגט א ווייל) געדענקסט אננא, ווי מיר האבען זיך געגרייט צום לעצטען עקזאמען? די נעכט מיט די שווארצע קאפע?

אננא. ביי מיר איז עס געווען די בעסטע צייט, פאני. די בעסטע צייט פאר מיין גאנצען לעבען. און הארצען איז נאך א ביסעל בעגלייבען געוועזן. ס'איז נאך א פונק האפנונג פאראיסגעווען. קיין בעסערע צייטען קומען ניט און יענע קערען זיך צוריק ניט אום... דאס האפען ווערט נמאס — וואס איז דאס האפען בעת די שפורסט אז אונטער דיינע פיס איז קיין באדען ניטא. (זי זעצט זיך אויף א בענקעל קוקט זיך ארום).

פאני. דאגה ניט! דא, ביי אונז וועסטו דערשפירען א באדען אונטער דיינע פיס. וועסט פערגעסען דיינע ביכער מיט די חמה־צייטען. (קלאפט מיט'ן פוס אן דער ערד) אט איז מיין באדען!... די אמאליגע מענשען, וועלכע זענען געשטאנען פעסט אויף דער ערד האבען קיין מאל ניט געוואוסט פון הענגען אין לופטען. אננא! איך בעדארף גאר ניט. הערסט? גאר ניט! כ'האב געלערענט אין גימנאזיום — דער פאפא האט עס געוואלט: ער האט געמיינט אז ס'וועט זיין א מעלה צו א שידוך... איך בעדארף עס ניט, מיין חתן וועט קיין

דיפּלאָם פֿון אוניווערזיטעט לעהרער ביי מיר ניט פֿאַרערען. איך פֿאַר זיך אַליין — דאַרף קיין דיפּלאָמען ניט האָבען... וואָס האָבמו זיך אַזוי פֿאַרקלערט? דיינע ביכער מיט די קליינע אַתיולאַך וועלען דעם מענשען פֿון דינען אַראָפּפֿירען, ווייל פֿון זייערע האָבען זיי איהם שוין לאַנג אַראָפּגעפֿירט. דערפֿאַר וואָס איך האָב געוואָלט געזונד און מונטער זיין האָבען מיר מיינע לעהרער מיט „ציינעלעך“ געשריי-קען. — געדענקסט מיינע צווייען?

אַ נ נ אַ (נעהמט אַהים פֿאַני'ן). מיין ווילד מיידעלע! פֿאַר וואָס בין איך אַזוי צוגעבונדען צו דיר? מיר זענען דאָך אַזוי ניט קיין פּאַר. געדענקסט, ווי דו פֿלעגסט זיך שטענדיג זידלען — און דאָך... דעם טאָג, וואָס איך האָב ערהאַלטען דיין בריעף, אַז איך זאָל קומען, איז פֿאַר מיר געוועזען אַ יום טוב. אין דיר איז עפּעס פֿאַרבאָרגענעס פֿאַראַן צו וועלכעס עס ציהט מיך און אין וועלכעס איך גלויב. (שמייכעלט). איך בין סענטימענטאַל געוואָרען: ווירק-ליך כפֿלעג דיך נאַנץ אָפֿט אין חלום זעהן. איך פֿלעג טרוימען, אַז מיר ביידע געהען אום איבער די פֿעלדער — מיר ביידע און מעהר קיינער ניט... אָבער ניט די פֿעלדער האָב איך געזעהן. דער געגענד דאָ איז נאָך פֿיעל שענער, ווי איך האָב מיר איהם פֿאַר-געשטעלט. (קוקט זיך אַרום). אפֿשר איז נאָך פֿאַראַן אין לעבען עפּעס וואַרימעס און איך האָב עס ווירקליך ניט געמערקט...

פֿ אַ נ י. האַ—האַ—האַ! „וואַרימעס אין לעבען“, „לעבליכעס אין לעבען“. וואו איז עס דיין לעבען — דאָרט, אין שטאָט? זיצען, ברענענדיגע, ליכטיגע הייזער, שווימען אום אין לופֿטען און בעלויכ-טען אַלע וועגען (בעווייזט צום וואַלד). אפֿשר דאָרט מיינסטו איז פֿאַראַן לעבען?

אַ נ נ אַ. דאָרט אין וואַלד? קומען נאָך איצטער איך אַהער שווינדליכטיגע יעדען זומער?

פֿ אַ נ י. יאָ. איצט איז נאָך דאָרט אויך פֿאַראַן לעבען. ס'איז נאָך אָנפֿאַנג פֿריהלינג... דאָרט אין וואַלד, וואו ס'קלייבען זיך צו-זאַמען די שאָטען פֿון לעבען יעדען זומער, וואו עס הערט זיך דאָס קאַלטע שעפּטשען פֿון שטענדיגען „ודוי“ — איך געה ניט אין יענעם וואַלד. (בעווייזט מיט'ן האַנד אויף הינטער'ן שטיב). דאָרט וואַקסט אַ יונגער וועלדעל, אַהין געה איך. פֿאַר מיר איז עס יענער. פֿאַר מיר זענען די פֿרייע וועלדער אויך געענג.

אַ נ נ אַ.. ווי שען ער זעהט איצט אויס, דער וואַלד, פֿון ווייטען! ווי אין בלאָהען פֿאַרב אויסגעטונקט.

פֿ אַ נ י. דער פֿריהלינג האָט אויסגעהויכט זיינע פֿליגעל פֿער-

שפּריט... אומעדום איז בעלויכטען, אַלץ לאַכט... ניין, יענעם וואַלד האָט ער אויסגעמיטען. די ערד איז ערבאַרעמדיג און דער וואַלד גרינט אויך... ער גרינט אָבער נור לפנים וועגען...

אַננאַ. אָבער צווישען אַזוינע קראַנקע געפינען זיך די אינטערעסאַנטעסטע מענשען. אַמענש, ווען ער קלערט שוין אימער וועגען טויט, ווערט ער ריינער. די נשמה ווערט טיפער און שטילער.

פאַני. כ׳וועל עס דיר אַרויסשלאָגען פון קאָפּ. (רופט). מאַ—רסיאַ! מאַרוּ—סיאַ! (אויפ׳ן גאַנעק בעווייזט זיך דאָס הויז־מיידיל). טראָג אַרויס אַהער אַגלאָז מילך און אויפ׳ן טיש ליגען בעקעלאַך קליינע—ברענג עס אויך אַרויס! (דאָס הויז־מיידיל אָב). איצטער וועל איך דאָ מאַכען ביטען און די זיין אין קיך. כ׳וועל דאָ דיינע בלומען פערזייהען. דיין „מתנה״ פון שטאָט. ביי מיר וועלען זיי גאָר אַנאַנדער פּנים האָבען... באַלד וועט מיין ליבלינג קומען, מיין מאַשעלע. זי וועט דיר געפעלען זיין. זי איז אַזאַ פערחלומ׳טע נשמה, ווי דו. באַלד וועט דער פּאַפּאַ מיינער קומען; ער איז אין פעלד, זעהר פערנומען.

אַננאַ. מיר וועלען פונדעסטוועגען געהן שפּאַצירען אין וואַלד. ער איז מיר שוין אינטערעסאַנט געוואָרען. דו האָסט מיר פיעל מאָל דערציילט וועגען איהם.

פאַני. איך וועל דיר בעווייזען שענערע ערטער. ניט ווייט פון אונז איז פאַראַן די אַזיערע... דער איינציגער אָרט, וואו זייער פוס קומט ניט, איז די אַזיערע. דאָקטוירים, ווי עס ווייזט אויס, האָבען זיי אָנגעזאָגט, אַז פון פייכטקייט זאָלען זיי זיך היטען. דאָס וואַסער איז דאָרטען—קלאָר—קריסטאַל! דער איינציגער אָרט, וואו ס׳האָבען זיך נאָך ניט געהערט די גסיסה־קרעכצען איז די אַזיערע.

הויז־מיידיל (טראָגט אַרויס אַגלאָז מילך און איינעגע בעקעלאַך, אין פּאַפּיר געוויקעלט).

אַננאַ (נעהמט די מילך). איך קוק מיר אַרום, ווי ס׳איז דאָ פריש און איבעראַל גרינט שוין (הויז־מיידיל געהט צוריק אין שטוב).

פאַני (אויפבינדענדיג די בעקעלאַך). דער פריהלינג אַרבייט שנעלער, ווי דעם מענשענס פאַנטאַזיע. אפילו שנעלער פאַר דער פאַנטאַזיע פון אונזער מאַטעמאַטיק.—געדענקסט איהם נאָך? יעדען אויגענבליק וועסטו וואָס נייעס אַרום זיך מערקען: דאָ איז, הילכט זיך, גאָר אויף אַטרוקענע צווייג אַקנאָספּע אַרויסגעשפּרונגען... דאָרטען, אויף אַפּעך־שוואַרצע שטיק ערד האָבען זיך פּלוצלונג מיל-

יאָגען גרעזעלאַך מיט זייערע קעפּעלאַך אַרויסגעשלייכט... (מיט פרייד). „לעווענציענער" האָסטו מיר געבראַכט!

אַננאַ. הילפט זיך אַז יאָ. (קוקט צו פאַני'ס פער'עסקט פנים).

פאַני. ביז זיי וועלען אויסוואַקסען, וועט שוין זיין מיט זיי אַנדערע פעלדער בעדעקט. זיי וואַקסען ביי אונז אויך, אָבער קליי- נינקע, גאָר ווילדענקע. (קלייבט זיך צושען די זאַמען). „שטיפ- מיטערכען!"... ביי אונז אין קלעווער זעען זיי פיל — אָבער אויך גאָר קליינענקע — מיט גאַנץ קליינע אַננאַ'ס אויגעלאַך... „פערגעס- מיניט"! דאָס אויך געבראַכט... וואָלסטו זעהן דאָרט אַרום אַנדערע הימעל-בלאָה ווערט פון זיי דער גאַנצער געגענד. ווי אַ זוים וואַקסען זיי אין פערציִרען דעם ברעג מיליאָנען ווייז... „מאַרגאַריטען" אויך ביי אונז אויף די פעלדער פאַראַן, נאָר אויך גאָר קליינענקע, גאָר ווילדענקע... אַלץ וועלען מיר פערזייהען. אַלץ וועט נאָך הויך אונטער אונזער פענסטער וואַקסען... (שטאַרק פער'עסקט מיט די זאַמען). „ניעלקען"! מסתמא זענען דאָ פון אַלע פאַרבען פאַראַן — ווייסט ניט, אַננאַ? איך ליעב, ווען בונט-רויטע און שנעע-ווייסע ניעלקען וואַקסען צוזאַמען — שפעט, אָבער שפעט וועלען זיי אויפ- בליהען — „אַסטראַ און געאָרגינאַ"! ווי גראַמאַרטיג עס קלינגט!.. אָבער שוין גאָר שפעט, נאָכ'ן זומער וועלען זיי ביי מיר בליהען... „זונענרויזען"! דאָס האָסטו מיר אויך געבראַכט?.. אפילו זונענ- רויזען האָט זי ניט פערגעסען מיר צו ברענגען... אָבער גאָר אומ- זיסט. (פירט אַננע'ן צום ברונען און בעווייזט איהר אויף יענעם זייט צוים). דאָרט האָב איך אפשר אַ מאָרג ערד מיט זונענרויזען פערזייהט. דער פּאַפּאַ איז געווען ברוגז... וועסטו זעהן, ווי זיי וועלען אויסוואַקסען. (געהען צוריק). וועסטו זעהן, ווי הויך און שטאָלץ זיי זעהען אויס. איבערהויפּט ווען זיי וואַקסען אויף אַ גרויסען פרייען פּלאַץ — ווי זונען, גרויסע און קליינע, זעהען זיי אויס.

אַננאַ (אַרומט פעסט פאַני'ן). אַך פאַני! ס'הויבט אָן וואָס מעכטיגעס צו וואַקסען אין מיין האַרצען הערענדיג דיינע ווערטער און קוקענדיג אויף דיין אויסזעהן. שטאַרקעס וואַקסט... נאָר איך ווייס נאָך דערווייל ניט וואָס... פילייכט וואַקסט עס אין מיר אויס נאָך שטאַרקער דער האַס צום לעבען, שפירענדיג, אַז איך וועל פאַלען אין שווערען שטרייט...

פאַני. אַננאַ! וואָס פאַר אַ שטרייט? האַ? דו ווילסט זיך שוין מיט מיר קריגען? וואָס פאַר אַ שטרייט מיט'ן לעבען? מיט'ן לעבען דאַרף מען ניט מלחמה האַלטען... דאָס לעבען איז אַ טריי- בוזעמער מיט אַ הייס צאַפּעלדיגע ברוסט... אַננאַ, די ערד, אַננאַ,

דאָס איז די מילדע ברוסט פון לעבען! אַלע מענשען געפינען זיך אויפ'ן ברוסט פון לעבען, ווי עס געפינט זיך גענוג חיונה, גענוג פייער פאַר אַלעמען. אַננאַ! (דריקט איהר צו זיך). איך וועל דיר דיינע נאַרישקייטען פון קאָפּ אַרויסשלאָגען. אָט נעהם אַ רידעל און גראָב אַביסעל די ערד... גראָב, וועסטו זעהן, וואָס פאַר אַ בלומען ס'וועלען אויף דעם אָרט אויסוואַקסען... פאַרנאַכט וועט קומען מאיר. מיר וועלען געהן צום אָזערע. פאַרנאַכט איז די וואונדערליך שען. היינט מסתמא וועט דאָס גאַנצע וואַסער בלאָה זיין.

אַננאַ (גראָבט, אָבער ניט געלונגען).

פאַני. טיפער גראָב, טיפער! שטאַרקער שטעל דיין פוס אויפ'ן רידעל! איך וועל דיר נאָך איבערלערנען רייטען. אויף אונזערע קאַשטאַנעוואַטע פערד וועסטו נאָך ביי מיר פאָהרען... ווי אַ וויכער וועסטו זיך דורכטראָגען פאַרביי דעם וואַלד און הינטער זיך וואַרפען צו איהם אַן אויג שמייכלענדיג... איצטער ביזטו ביי מיר!

אַננאַ. ווער איז עס דער מאיר?

פאַני. אַ קינד פון דער נאַטור און איך האָב איהם ליעב. טיפער, טיפער גראָב! (נעהמט ביי אַננע'ן דעם רידעל). זעץ זיך דיר אויפ'ן באַנק און קוק זיך איין, ווי איך טהו. איך וועל דיר נאָך אָנהויבען שטעלען „צווייעלאַך". אין גימנאַזיום האָסטו „פינפען" בעקומען, איצט זעה, אַז ביי מיר זאָלסטו אַ פינף בעקומען. (זי גראָבט. דער רידעל קריכט טיף אין דער ערד). זעהסט, ווי דער רידעל פאָלגט זיך ביי מיר — די ערד אַליין לאָזט — דו מערקסט ניט, ווי די ערד אַליין לאָזט און קלייבט נחת?..

אַננאַ. כ'וועל עס אפשר נאָך מיט דער צייט אָנהויבען צו מערקען... דערווייל, שוועסטערשי, וואָלט זיך מיר וועלען...

פאַני (גראָבענדיג). וואָס וואָלסטו וועלען — האַ? גאָר ניט וועסטו ביי מיר וועלען. (גראָבט מיט חשק). ווייט, אונטער'ן שטוב, אויף אונזערע פעלדער וועלען מיר צוזאַמען טראָגען טרוקענע צווייגען... און מיר וועלען אָנלעגען אַ גרויסען, גרויסען פייער... און דיינע ביכעלאַך... און דיינע נאַרישקייטען וועלען מיר אויפ'ן פייער לעגען... פערברענען, ווי דער פּאַפּאַ פערברענט יעדען יאָהר פאַר פסח דעם חמץ פון שטוב אַרויס... קוק זיך איין, ווי די ערד... שמייכעלט פון פאַרגעניגען... פרישע בלומען וועלען מיר זעהן... פרישע בלומען וועלען אויסוואַקסען... (זי רעדט לאַנגזאַם, ווי צו דער ערד, גראָבענדיג אַליין מיט מעהר חשק). פרישע זאַמען, נייע זאַמען האָט מען מיר געבראַכט... פרישע זאַמען וועל איך דיר

הײַנטיקס מאָל פֿאַרװיאַנען. נײַע בלומען װעלן אױף דער הײַנטיקס מאָל װאַקסן... (טראַכט נאָך פֿלײַסיקער).

אַננאַ (זיצט פֿאַרטראַכט. קוקט צו פֿאַניס אַרבעט).

פֿאַני (טראַכט, רעדנדיק צו זיך אַלײן). פֿרישע בלומען... נײַע בלומען...

(לאַנגזאַם פֿאַלט דער פֿאָרהאַנג)

צווייטער אקט.

בײַ עוזר'ן אין שטוב. א גרויסער צימער אויפגעקליבען איינפאך, רעכטס צוויי טהירען אין צוויי צימערען אריין. לינקס פענסטער און א טהיר, אויף דער וועראַנ־דע ארויס. אין דעם הינטערגרונד א טהיר אויפ'ן סאלקע. די פענסטער און טהיר זענען אפען. דורך זיי זעהט זיך דאס פעלד, בוימער. פארנאכט.

אננא (ליגט אויף א זאפע נעבען פענסטער אהן בעוועגונג).

מאשע (קומט אריין. ליכט געקליידעט. מיט א בוך אין דער האנד. מערקענדיג אננען, געהט ער צו צו איהר אויף די שפיץ פינ־גער און שטעהט א ווײַלע נעבען איהר געלעגער. ער לאזט זיך שטיל אראב אויף די קניה און קיסט אננע'ן אויפ'ן שטערען).

אננא (דריקט צו זיך מאשע'ן). האסט געמיינט, מאשעלע, אז איך שלאף?

מאשע. כ'האב געמיינט, אז איהר שלאפט, ווייל איך האב געהערט, ווי איהר האט גערעדט א גאנצע נאכט מיט פאפא'ן.

אננא. ווי אזוי האסטו עס געהערט?

מאשע. ס'הערט זיך אין צימער, אז מען רעדט אויבען.

אננא. וואס האסטו געהערט?

מאשע. כ'ווייס נור, אז אפשר ביז גרויסען טאג האט איהר ניט געשלאפען.

אננא. דו שלאפסט אויך ניט ביי נאכט?

מאשע. ניין. איך קען ניט שלאפען. אלע ביי אונז אין שטוב שלאפען ביי נאכט, נאר איך אליין בין שטענדיג וואך.

אננא. פאר וואס קענסטו ניט שלאפען?

מאשע (שטיל און קינדעריש). איהר, אננא, בעדארפט דען מיר פרעגען?.. איהר פערשטעהט אליין ניט.

אננא. פון וואנען זאל איך וויסען?

מאשע. איהר ווייסט... איהר ווייסט...

אננא. וואס קען איך וויסען, פאר וואס דו שלאפסט ניט?..

מאשע. איך איז דאך סאך אימעדיגער פון מיר.

אננא. פון איטער קענסטו ניט שלאפען?

מאשע. כ׳וואלט שוין וועלען דערלעבען, דער זומער זאל אוועקגעהן, וואלט איך צוזאמען מיט אייך פאהרען אין דער שטאט אריין. (שווייגט). זאגט מיר, אננא, וועט מיר אין שטאט זיין בעסער?

אננא (שווייגט).

מאשע. פאר וואס ענטפערט איהר מיר ניט, אז איך פרעג אייך?.. (קינדעריש בעליידיגט). מיר דוכט זיך, אננא, אז איהר הערט זיך קיין מאל ניט איין, וואס איך רעד צו אייך.

אננא. פאהר ניט אין שטאט אריין. בלייב דא — מיט דיין שוועסטער, מיט פאני׳ן. לערען זיך פון איהר. זעהסט, איהר איז קיין מאל ניט אומעטיג. פאהר ניט אין שטאט אריין.

מאשע (גאנץ שטיל). כ׳האב געמיינט... כ׳האב געמיינט... נאך דאס האט איהר מיר בעדארפט זאגען. (בלייבט שטיל פער־כמאכט).

אננא (גאנץ קאלט). דיר איז אומעטיג. נאריש קינד, א מיי־דיל פון זעכצעהן יאהר דארף ניט זיין אומעטיג.

מאשע. כ׳האב ניט מיט וועמען א ווארט אויסצורעדען. איך לעג די ביכלאך אין זייך דארט... איך זיץ... און אז דאס ביכעל ענדיגט זיך ווערט מיר אזוי אומעטיג, בלייב איך שוין אין גאנצען אליין. ס׳כאפט אוש אן א שרעק. נישטא מיט וועמען א ווארט אויס־צורעדען... איהר געהט שטענדיג אום אליין און מיך מיידט איהר אויס...

אננא. כ׳וויל דיר ניט אויסמיידען, מאשעלע.

מאשע. ווי אויף א קליין קינד קוקט איהר אויף מיר. מיט מיר רעדט איהר שטענדיג אנדערש; ניט דאס, וואס איך וויל.

אננא. פאר וואס דערוויטערסטו זיך אזוי פון פאני׳ן?

מאשע. אז פאני איז גאר משוגע; זי וועט שוין אין גיכען אנהויבען נאכצולויפען די פויערים אין דארף.

אננא. אך פאני, פאני! פאלג זיך פאני׳ן. פאלג זיך... ווארף דיינע ביכער. לעז זיי ניט מעהר. פאלג זיך פאני׳ן. זי איז דאך דיינע א שוועסטער; זי האט דאך דיר אזוי ליעב! קוק זיך איין אויף איהר, מאשעלע, וועט דיר קיין מאל אומעטיג ניט זיין.

מאשע (איהר קול ציטערט). איך האב געמיינט, אז איהר וועט מיר עפיס אנדערש זאגען. אזוינס, וואס מיר וועט ווערען... (קוקט אן אננע׳ן). איהר הערט זיך דאך גאר ניט איין, וואס כ׳רעד צו אייך.

אַננאַ (קוקט זיך אַרום צושטרייט). בלייב, מאַשעלע, דאָ. איך וועל שוין איך מעהר אין שטאָט אַריין ניט פֿאָהרען...

מאַשע (פֿערוואונדערט). איהר וועט שוין בלייבען דאָ אויפֿ׳ן גאַנצען ווינטער? איהר לאַכט...

אַננאַ. כ׳לאַך ניט, מאַשעלע. איך וועל בלייבען דאָ... קוקסט מיר אָן, גלויבסט ניט?.. כ׳וועל די שטאָט מעהר ניט זעהן... כ׳וועל דאָ בלייבען... און זו בלייב איך דאָ מיט דיין שוועסטער...

(פּויזע).

מאַשע. און איהר וועט מיט מיר לערנען? ביי אייך וואָלט איך אַזוי פֿיעל געלערענט! אַזוי פֿיעל... שטענדיג וואָלט איך געלערענט.

אַננאַ. יאָ. וועסט לערנען אויב דו וועסט וועלען.

מאַשע. טאָ קומט מיט מיר איצטער שפּאַצירען — קומט, אַננאַ!

אַננאַ. געה דיר אַליין, מאַשעלע. איך וויל איצטער זיין אין שטוב.

מאַשע. (שלעפּט איהר פֿאַר׳ן האַנד) קומט, קומט!

פֿאַני. (באַרפֿוס מיט אַ ווייס טיכעל אויפ׳ן קאָפּ קומט אַריין, מערקענדיק אַננאַן) אָט איז זי גאָר דאָ! אַבי איך געה אום און שריי און רוף.

מאַשע. געה איך אַליין אַוועק.

פֿאַני. לאָז דאָ דיין בוך מאַשע.

מאַשע. (ענטפֿערט ניט און געהט אַרויס)

אַננאַ. קום צו מיר פֿאַני. ביזט שוין לאַנג אַזוי שען ניט ניט געוועזען ווי איצטער.

פֿאַני. (רייסט אַראָב איהר טיכעל פֿון קאָפּ) אַך אַננאַ, אַננאַ! (וועצט זיך נעבען אַננען און שווייגט אַ לאַנגע צייט) כ׳האָב פֿאַר דיר קיין ווערטער ניט אַננאַ. כ׳וואָלט נאָך אפֿשר געפּרובט מיין גאַנץ האַרץ עפֿענען פֿאַר דיר. קיין ווערטער זענען ניטאָ... כ׳וואָלט פֿאַר דיר געעפֿענט מיין האַרץ אפֿשר וואָלסטו דאָרט געפֿינען אַזיינס, וואָס כ׳קען פֿאַר דיר ניט אויסרעדען.

אַננאַ. הוסט זיך, אַז אַליין איז אומזיסט. כ׳האָב אפֿשר ניט בעדאַרפֿט קומען אַהער... דיר ענמת-נפש צו פֿערשאַפֿען: האָסט עס ניט פֿערדינט. און דיינע פֿענסטער דאַרף שטענדיג די זון אַריינלייכטען. — ביזט עס ווערט.

פֿאַני. איך שפּיר וואָס... כאָטש איך פֿערשטעה ניט...

אַננאַ. איך זאָג, אַז אין דיינע פֿענסטער דאַרף שטענדיג

די זון אַרײַנשײַנען... איך וויל שווײַגען, פֿאַני... (אין אַ ווײַלע אַרום). אָהן טאַטע מאַמע האָב איך מײַן יוגענד דורכגעמאַכט... אָהן טאַטע מאַמע אין לעבען געבלאָנדזשעט און אָהן אַ פֿונק האָפֿנונג ביז צו דער פֿינסטערער העל דערגאַנגען... יענע זענען נאָך גאָר אין דער יוגענד אין דער ערד פֿערפֿוילט געוואָרען — און מײַנע האָפֿנונגען האָבען זיך ביסלעכווײַז געלאָשען — און מײַן אײגענעם האַרצען באַגראָבען געוואָרען... כ'וויל שווײַגען — פֿאַני...

פֿ אַ נ י. און איך וואָלט פֿאַר דיר מײַן האַרץ געעפֿענט.

אַ נ נ אַ (שמײכעלט קאַלט). אַליין אײנס!

פֿ אַ נ י (גלײַכגילטיג). ניט אַליין אײנס... און מיר האָט אַליין אַנ'אָפּקלאַנג. אַליין בערוישט מײַן בלוט און כ'קען ניט זײַן אײַ־מעדיג... ניט אַליין אײנס! די ערד איז ערבאַרעמדיג און בײז, מילד און ווילד אין אײנעם. און מיר האָט זיך פֿערקערפּערט די מוטער ערד. און מיר לעבט איהר הײליגקײט און איהר פֿײַער...

אַ נ נ אַ. מיט דעם וועג, ווינש איך דיר, זאָלסט געהן דײַן גאַנצען לעבען. כ'ווינש עס דיר פֿון מײַן טיפֿען האַרצען.

פֿ אַ נ י. כ'קען עס דיר גלויבען... מוידענד וועגען נײַע וועלט איך פֿאַר זיך געפֿינען, אַליין פֿאַר זיך אויסמעסטען... יעדערער מוזעט אַליין פֿאַר זיך אויסוועהלען — סײַ צום לעבען סײַ צום טויט... געקומען ביזטו צו מיר און אין דער שטיל האָסטו זיך צוגעהערט צו די קרעכצען אין וואַלד... און שטאַט האָט אונז בײדען אײן געפֿיהל געשטיקט: „אַליין אַרום וואַלגען״... בײַ דעם געפֿיהל ביזטו געבליבען...

אַ נ נ אַ. ביזט גערעכט. בײַ דעם געדאַנק בין איך געבליבען. כ'האָב ניט בעדאַרפֿט קומען צו דיר...

פֿ אַ נ י (שאַרף). דו האָסט יאָ געדאַרפֿט קומען! איך אַליין האָב דיר געשריבען, אַז דו זאָלסט קומען... איך האָב אָבער געוואָלט, אַז דײַן גאַנצען נעכטען זאָלסטו דאָרט לאָזען און צוזאַמען מיט דער גאַנצער נאַטור זאָלסטו אויפֿסנײַ בײַ אונז אויפֿבליהען... און אָנפֿאַנג פֿריהלינג ביזטו אָבער געקומען... די גאַנצע נאַטור האָט אויסגעזעהען, ווי אַ יונג פֿריש קינד, וואָס האַלט שטענדיג אין אײן לאַכען — און איצט זעה, וואָס אַרום טהוט זיך!.. דו האָסט אַפֿילו ניט געמערקט, ווי די זאַנגען אויף די פֿעלדער זענען פֿיל געוואָרען. האָסט אַפֿילו ניט געמערקט, ווי די בלומען אונטער די פֿענסטער זענען אויסגעוואַקסען...

אַ נ נ אַ. מײַן טרײַע! איך בין געוועזען פֿערנומען מיט די בלומען, וועלכע די אונבעוואוסטע האַנד האָט אין מײַן האַרצען געפֿלאַנצט...

דיר איז, פאַני, שווער צו טראָגען מיך ווייטער אין דיין נשמה... באַפריי זיך פון מיר...

פאַני (מיט איין איינגעהאַלטענער אויפרעגונג). איך אַליין קומט אַ צייט... אננא, ס'איז באַך קיין איין עפּל ניט געבליבען וועגען אויפ'ן בוים ביזן נייעם פריהלינג...

אננא. יאָ, יאָ — ביזט געעקעלט... דער הערבסט-ווינד רייסט זיי אַראָב... (צישטריט). האָסט עס ניט פערדינט... האָסט עס ניט פערדינט... (שטעלט זיך פלוצלונג). מען געהט! דיין פאַפּאַ געהט... (זי געהט שנעל אַריין אין צימער רעכטס און פערמאַכט די טהיר הינטער זיך).

פאַני (געהט אַרויף אויבען).

(עוזר און נאָך איהם מאיר קומען אַריין).

עוזר. וואָס עס פאַלט אַריין אין מיינע הענד בעקומט גאָר אַנאַנדער פנים. איך וואָלט היינט, אויף יענעם זייט וועג, גערוהט וואַלד. סאַמע וואָלט איך גערוהט. דער וועג וואָלט אַזוי זאַמדיג ניט געווען.

מאיר. ס'וואָלט ניט לאָזען דעם ווינד פערטראָגען דעם זאַמד.

עוזר. געווים. ס'איז דאָך דאָרט קיין מאָל ניט צו דערקענען, אויב אַ פוהר איז דורכגעפאָהרען. זאָל מען דאָרט געהן צו פאָהרען אין אַ שעה אַרום איז שוין קיין שליאַד ניטאָ. מיט משאות איז ניט דורכצוקריכען. וואַלד איז וואַלד. ס'ליפען אַריבער די עטליכע יאָהר און דער וואַלד וואַקסט. אַ וואַלד איז אַ מעלקעדיגע קוה.

נפתלי (לויפט אַריין אין שטוב). צווישען אונזערע פעלדער שפּאַצירט אום דעם מלאך המות'ס אייניקעל!

עוזר (בייז). וואָס פלודערסטו?!

נפתלי. פאַני האָט איהם אַזוי אַ נאָמען געגעבען.

עוזר. פאַני ווייסט איך ניט, וואָס זי רעדט. אַ קראַנקער מענש — וואָס ווילסטו? ער הילפט וואו פרישער איז — נאַרישער יונג!

נפתלי. (לאַכט). ער האָט מאַך אויסגעשמעקט, אַז ביי אונז איז פרישער.

מאיר. פון וואַנען געהסטו?

נפתלי. איך געה פון די פעלדער.

מאיר. נעבען אונזערע פעלדער ביזטו געווען?

נפתלי. איך בין נאָר ביז אייער מעושע צוגעגאַנגען.

מאיר. (שמייכעלט). מעהר ניט, ווי ביז צו דער מעושע? און האָסט דאָרט קיינעם ניט געזעהן?..

נפֿתּלי: איך גײ הײנט בײַ נאַכט אַרױס אױפֿן גאַטשליעג מיט די פֿערד.

עוזר. מען װעט אױף די פֿערד אָהן דיר אױך אַלטײנג געבען. האָסט אין דער הײם װאו צו שלאָפֿען.

נפֿתּלי. (האַלט זיך אײן ניט צו לאַכען). אַך, טאַטע, דו פֿערשטעהסט שױן גאָר ניט. מאיר גײט אױך אַלע נאַכט אין פֿעלד אַרײן אױפֿן „גאַטשליעג".

מאיר (כאַפּט איהם פֿאַרן האַנד). כ׳װעל דיר באַלד אַרױס־װאַרפֿען דורכ׳ן פֿענסטער.

נפֿתּלי (ברעכט אױס מיט אַ געלעכטער).

עוזר (בײז). שטענדיג געלאַכט, שטענדיג געכיכעט זיך איבער דער מאַם!

נפֿתּלי. איך לאַך דען פֿון דיר, פּאַפּאַ? איך לאַך, װײל ס׳קיצלט זיך — זאָג, מען טאָהר ניט לאַכען?

עוזר. װאו איז די — מאַשע? דאָס איז אַ קינד. איהר האָב איך ליעב. און דאָס איז ניט מעהר, װי הי—הא! הי—הא! װאו האָט זיך עס אױסגעלערענט? װער בעט די זאָלען מיר גאַנצע טעג אומקריכען צװישען די פֿעלדער? כ׳האָב געזען „פּאַראַבקעס". די װעלען אַלײן אָהן איך אַלץ אױפֿטהאָן. פֿעהלען דעם ליאָן — אַ קאַטאָרזשנע אַרבײט — רבי פֿאַני איז דאָ! און די פּױערטעס, װאָס מעלקען די קיה קענען עס גאָר ניט מאַכען. באַלד װעט זיך אָנהױבען שניט־צײט, װעסטו עפּיס זעהן — מיט שװײס װעט זיך עס בעגיסען; שװאַרץ װי די ערד װעט עס װערען!.. כ׳האָב דאָס געהאַלטען אין גימנאַזיע. (בעװײזט אױף נפֿתּלי׳ען). אָט דאָס שנײדט זיך שױן אַ פֿאַני מיט אַלע פּינטעלאַך. ס׳איז פֿאַראַן אַ בעט, קישענס אין דער הײם און ער — אױפֿן „גאַטשליעג"; לערנען זיך פֿון די פּױערים שענע מדות.

פֿאַני (איהר קול אונטערן פֿענסטער). מאַשע! מאַ—שורקע!

עוזר. גאָר קײן אידיש קול האָט עס ניט.

פֿאַני (אין פֿענסטער). מאַשע איז ניטאָ?

עוזר. מײן קינד! דו פֿערשרײסט מיר מײן קאָפּ.

פֿאַני (לאַכט אַרײן אין שטוב). איך זאָל װײנען װילסטו? איך האָב ניט אױף װאָס קוקענדיג צו װײנען. (קריכט דורכ׳ן פֿענסטער אין שטוב אַרײן. שרײט). היט זיך!

עוזר. משוגע בהמה, מײן קינד! האָסט קײן אַנדער װעג ניט?

פֿאַני. אױב דו װילסט, פּאַפּאַ, איך זאָל נאָך אַ ביסעל װאַק־

סען, ווייל איך צוריק דורכ'ן פֿענסטער ארויסקריכען. (שטייגט ארויס).

עוזר (שפרינגט אויף פֿאר כעס).

פֿאני (לויפֿט אריין דורכ'ן טיהר).

עוזר. וואס ווילדעוועסטו אזוי?

נפֿתלי (גייט ארויס).

עוזר (שרייט איהם נאך). הער, נפֿתלי, זאלסט מיר היינ־טיגע נאכט דא אין שטוב נעכטיגען!

פֿאני (נעהמט איהם עוזר'ן). זיי ניט אין כעס, פאפא, זיי ניט אין כעס.

עוזר. וואו איז די גימנאזיע דיינע?

פֿאני. אין שטאט, פאפא. כ'האב זי אין שטאט געלאזען. (זי קוקט איהם אויפֿ'ן שטערן). דו אליין ביזט שולדיג, וואס איך האב אזוי ליעב דאס לעבען און איך לאך אזוי פֿיעל. איך בין דאך דיינע א טאכטער. זאג, דו ביזט אין דער יוגענד ניט געווען געראטען אין מאיר'ן?..

מאיר (ווינקט פֿארשעמט).

פֿאני (רעדט אויף מאיר'ס זייט). מיינסטו, פאפא, אז איך געדענק ניט, ווי דו ביזט געווען מיט עטליכע יאהר צוריק?... דיין געלעכטער האט שטענדיג געקלונגען איבער די פֿעלדער...

עוזר (שטיל). יעמאלט, מיין קינד, האט נאך דיין מאמע געלעבט.

מאיר. איך וועל אביסעל ארומקוקען אייער גארטען (גייט ארויס).

עוזר. כ'האב געלאכט אמאל, מיין קינד, אבער מעהר ניט...

פֿאני. פֿאר מיר איז זי נישט געשטארבען. איהר בלוט פֿליסט אין מיינע אדערען. איהר בלוט לאכט אין מיר און טרייבט מיך אום, ווי א ווילדע. (פּלוצלינג). הער, פאפא, איך וויל, דו זאלסט אבקויפֿען דעם שטאטישען וואלד.

עוזר. דאס איז דען פֿאר מיינע כחות. — אוצרות בעדארף מען דאך צו איהם האבען.

פֿאני. דוך שותפֿים.

עוזר. דער וואלד האלט דאך אויס דאס לעבען פֿון אזוי פֿיל מענשען.

פֿאני. האסט מורא דער בית־עולם אונטער'ן שטאט זאל, חלילה, ניט קלענער ווערען?

עוזר. לאז מיך צורה.

פאני (ערענסט). אונזער שטוב איז אין געפאהר — הערסט, פאפא?

עזור (קוקט זי אן). וואס פלודערסטו?

פאני. זיי ווילען דא אלע וועגען פערפעסטען. זיי האבען דא דעם גאנצען געגענד פערפינסטערט. פון וואלד ציהען זיך שווארצע שאטענס — ביז אונזער שטוב ציהען זיי זיך שוין... ס'איז זיי ווייניג דער וואלד, האבען זיי שוין אנגעהויבען אומצוקריכען צווישען אונזערע פעלדער אויך. יעדער בוים אין וואלד איז א לעבעדיגע מצבה. (נעהמט אידם ארום). פאפא, דו וועסט דעם וואלד אבקויפען און נאך דיינטיגען ווינטער וועט מען אידם אויסהאקען... פרייע פעלדער! דאנאך וועט מען דעם ארט צואקערען. די פיעניעס אויסגראבען מיט די ווארצלען — דעם גאנצען געגענד אויסרייניגען...

עזור. נעה, דו פלודערסט שוין און ווייסט אליין נים וואס.

פאני. מיט מאירן צוזאמען וועסטו דעם וואלד אבקויפען... קוק אידם נאר אן איין ביסעלע... זעה צווישען די ווענגרוויזען (נעהמט אידם ארום). אט אויף דעם ארט וועט אנהויבען וואקסען נאר א נייער דור, וועלכער וועט שטאלץ און שטארק וואקסען אונ־טער דעם בלאהען הימעל.

עזור. מיין קינד. דו האסט גאר קיין שכל נים, האסט זיך געמענט אביסעל אבלערנען פון אנגע׳ן — כאטש דו מיינסט, אז דו ביזט שוין גאר די חכמה... אהן טאטע מאמע, און זעה, ווי ס׳האט זיך אויסגעהאדעוועט. א צירונג פאר גאט און פאר לייטען. גאט וועט געבען, סוף זמער, אז די וועט פאהרען אין שטאט אריין, וועל איך איהר, בלי נדר, מיטגעבען מאשע׳ן. זאל זי זיך לערנען פון איהר.

פאני (האלזט אידם). וועסט עס נים טהאן, פאפא! וועסט מאשע׳ן מיט איהר נים שיקען... איך בעט דיר, אז דו זאלסט וועגען דעם נים טראכטען. דיא וועט זי בלייבען. מאשע מוז דא בלייבען... כחיים, פאפא, אז דו ווילסט דיינע קינדער גוטס טהאן. נאר גוטס... זאלסט אבער דיינע קינדער אין שטאט אריין נים פערטרייבען... (ווייזט מיט׳ן האנד צו דער גאס). דא איז גאטס וועלט! פאפא, אט דא צווישען די רויזען געדענקט איצט אום א קינד פון דער ליעבער נאטור. ער געהער נים צו יענע... דארטען זענען שאטען אין דעם געשטאלט פון מענשען. זיי געהען נאך דעם מלאך־המות. אזעלכער אין וואלד האט ער זיי נאך אויף א ווילדע פערפיהרט... פאפא! די בוימער בעטען דיך, מען זאל זיי בעפרייען פון דעם טרויער געפיהל, וואס הענגט איבער זיי... זיי בעטען זיך, מען זאל זיי בע־פרייען פון די געצען, וואס דער טויט האט דא אויסגעשפרייט...

דער וועג פֿון וואַלד אין שטאָט אַרײַן ווינט, אַז מען זאָל אים בעפֿרײַען... בעפֿרײַ אים, פּאַפּאַ. בעפֿרײַ דעם וועג... אויף אים זאָלען זיך געזעגנט הערצן, ווי ביי אונז אויף די פֿעלדער... געזאַנג געלעכטער זאָלען קלינגען...

עוזר (שטיל). אַזאַ וואַלד צוהאַקען איז ניט היטלאַך.

פּאַני. דער גאַנצער געגענד וועט אויפֿבליִען און אויף דאָס ניי...

עוזר (באַפֿרײַט זיך פֿון איהר). עס, לאָז מיך צורוה!

פּאַני (האַלט איהם). זיי נאָך אַביסעלע, פּאַפּאַ, איך וויל דיר זאָגען...

עוזר. און איך וויל דיר זאָגען, מײַן קינד, אַז דו זאָלסט אָנטהאָן שיך און זאָקען און אויסגעהן ווי אַ מענש — איך פֿערטראָג עס ניט!

פּאַני (גלעט איהם). פּאַפּאַ, פּאַפּאַ! צו דען ווייסטו ניט, אַז אַזוי איז בעסער?

עוזר. ס'איז אָבער אַ חרפּה.

פּאַני. פֿאַר וועמען?

עוזר. פֿאַר זיך אַליין איז אַ חרפּה.

פּאַני. איך מיט זיך אַליין בין שוין הירבגעקומען...

עוזר (געהט צום טיהר). ניין, מײַן קינד, דײַן מאַמע לאַכט שוין ניט אויפֿן הויכען קול. (געהט אַרויס).

פּאַני (שרײַט איהם נאָך). פּאַפּאַ! איך הויב אָן ווידער צו לאַכען! (זי בלײַבט אַליין שטעהן נעבען פֿענסטער. אַ צופֿרידענער קינדערשער שמייכעל צייגט זיך אויף איהר פּנים. ווינקט מיט'ן האַנד. ווי אַ צייכען, אַז מען זאָל קומען. שרײַט „מאַ—שע! מאַ—שע“! מ'ווערט פֿינסטערער).

מאיר (קומט אַרײַן).

פּאַני. האָסט ניט געזעהן, אין וועלכער זײַט דער פּאַפּאַ איז אַוועק?

מאיר. צום זשעזשינין. וואָרום וואָס?

פּאַני. גאָר ניט. כ'וויל מיר זאָלען ביידע פֿאָהרען רײַטען אויף אונזערע קאַשטאַנעוואַטע פֿערד. מיך ציהט צום אָדערע. כ'מיין יעדען טאָג זיך אַליין אַנקוקען אין איהר קלאָרען וואַסער. (זי לייגט איהר האַנד אויף מאיר'ס אַקסעל) דו ווייסט גאָר ניט ווי שיין די האָבסט אויסגעזעהן צווישען די הייזען. די לעצטע שטראַהלען פֿון דער זון האָבען זייערע שפּיצען בעגאָלדעט און זיי האָבען אויסגעזעהן ווי הויכע שטאָלצע פּרינצען מיט גאָלדענע קרוינען... דו האָסט

הויכער און שטילער פון די אַלעמען אויסגעזען. (קוקט איהם גלייך אין די אויגען אַריין) אַ גרינער פרישער וואַלד שפּיגעלט זיך אין דיינע אויגען אָפּ.

מאיר. און אין דיינע אויגען שפּיגלען זיך אָפּ די זיבען־רויזען.

פאני. און וואָס נאָך?

מאיר. די הויכע טאָפּאָלען וואָס וואַקסען אויפ'ן וועג צום אָדערע.

פאני. און וואָס נאָך?

מאיר. ווייטע, ווייטע, פעלדער. מיט הויכע, הויכע תבואות... און שווערע פולע זאַנגען שטעהן אונטער דער זון און אַ ברענענדיגען תמוז־טאָג...

פאני. און אויף דער מיטע צווישען די פעלדער געהן אַ שורה יונגע מענשען און זינגען הויך פרעהליכע לידער און לאַכען. ס'קלינגט אַרום און אַרום איבער די פעלדער דאָס געלעכטער (זי פאַלט אין זיינע אָרעם) די שטיק ערד, מאיר, וואָס ליגט אויף יענער זייט אָדערע וועלען מיר אַרומפלאַנצען מיט טאָפּאָלען. הויכע, הויכע טאָפּאָלען וועלען דאָרט וואַקסען... הויכע, געזונדע מענשען וועלען דאָרט וואַקסען... יאָ, מאיר?.. (קינדעריש בעגייסטערט) נפתלי און פיגעלע... יאָ מאיר... הויך, הויך וועלען זיי גיך וואַקסען... שטאַרקער, שטאַרקער וועלען זיי נאָך ווערען...

מאיר. דו בעדאַרפסט זיך נאָך אויסלערנען גוט אַקערען. די סאָכע בעדאַרף זיך אַליין געהן — דו בעדאַרפסט נאָר צוהאַלטען פאַר אַ הענטעל. די טרעפסט זיך שוין אידער וועג... די געהסט און פיהלסט אין די גלידער ערד לעבען זיך, לעבען זיך אַן אַ זייט... (שווייגט), איבעריגע פויגעלעך קומען שפּרינגען צו אונז אויף די פעלדער. ווען איך אַקער געהען זיי מיר פון הינטען נאָך און פּיקען די ווערעם וואָס שפּרינגען אַרויס נעבען דער סאָכע...

פאני. דו הערסט אַמאָל, מאיר, בעת די ערד זינגט? האָסט נאָך קיין מאָל ניט געהערט... די ערד זינגט און די ערד וויינט... דיינט מאיר דוכט זיך מיר אַז די ערד וויינט אין דער שטיל... זי בלייבט פאַר צער... (בײדע שווייגען אַ צייט. פאני בעטראַכט זיך) מיר וועלען באַלד פאָהרען. איך וועל נאָר געהן אַנעמען בלומען בעגיסען. ווען ניט איך וואָלטען זיי שוין לאַנג פערוועלקט געוואָרען. (זי געהט צום פענסטער. זי מערקט וואָס דורכ'ן פענסטער דערשראָקען) מאיר מאיר! זעה נאָר דאָרטען, ווער געהט עס אַם ברעגען אונזערע פעלדער?

מאיר (קוקט אין פענסטער). ווערסט דען ניט — דאס איז דאך אננא מיט איהר חבר...

פאני (שמערצענהאפט). אך אננא! צווישען אונזערע פעלדער גערעט די אום מיט אים!... צווישען אונזערע פעלדער... אננא, אלץ אומזיסט!... (נאך א קורצען שווייגען) שלעכט, שלעכט אין דער נאטור ווענען צווי הענד פאראן; איינע בויט און די אנדערע צעשטערט... איינע פלאנצט און די אנדערע רייסט אוים... וועלכע האנד איז שטארקער??... איך שפיר עס... אויף אונזערע פעלדער וועט זיך נאך געווים אבשפילען די דראמא פון לעבען און טויט — און אפשר נאר נאהענט פון אונזערע פענסטער... אפשר נאר ניט אין וואלד אליין... דאך דעם גאנצען לעבען מיינעם וועל איך פלאנצען, פלאנצען און פלאנצען!... רייס אוים דאס וואס עס פוילט — זאל דאס געזונטע בעסער וואקסען... מיר פארען באלד, מאיר! (רופט) מאשא! מא—שא! וואו איז זי? דאס איינציגע וואס שרעקט אזוי מיין הארץ איז מאשא... אלץ ארום איז דא פעסט איינגעפלאנצט נאר די איינע בלאנדזשעט אום... די שאטענס פון וואלד זענען אויף איהר געפאלען...

מאיר. דעם גאנצען טאג בעהאלט זי זיך ערגעץ.

פאני. צי האט מיר אננא ניט פערגיפטעט מיין בעסטע... ווי רייס איך אב פון איהר מאשען?..

מאיר. ביזט דאך א חכמה, צו וואס האסטו איהר אויסגעשריבען אהער? קריכט אים א פערחלומטע ווי פון יענער וועלט, נאר אז קיינער זעהט ניט כאפט זי דעם שווארצען און לויפט מיט איהם אום...

פאני. (מיט שמערצען אויפ'ן געזיכט). אך, דו ווייסט ניט, מאיר! כ'האב געמיינט אז דא וועט זיך פאר איהר אנ'אנדער וועלט עפענען. זי האט שטענדיג געדורשט נאך לעבען... און כ'האב געמיינט אז ביי אונז וועט זי אלץ געפינען...

מאיר. דעם בער ציהט שטענדיג צוריק אין וואלד אריין. זי דרעהט צווישען אונזערע שטעקעדיגע פעלדער און בענקט נאכ'ן שטאדטישען...

פאני. וואס בעדייט איהר שרעקליכער שווייגען?! מאשע איז אזוי צוגעבונדען צו איהר... ווי רייסט מען זי אב פון איהר?..

מאיר. זיי איהר משלח צוריק אין שטאט אריין, זאג איהר... מען קען געפינען וואס איהר צו זאגען...

מאַשע (קומט אַרײַן. מיט אַ בוך אין האַנט. דאָס געזיכט בלאַס. פֿאַרנעמט זיך צום צימער רעכטס).

פאַני. אָט איז מאַשע! (כאַפּט איהר פֿאַר'ן האַנט) מיר וואַרטען, מאַשעלע, אויף דיר — וועסט פֿאָהרען מיט אונז שפּאַצירען?

מאַשע. כ'שפּאַציר גענוג.

פאַני. מאַשע, דו וועסט געהן מיט אונז, יאָ?.. איך וויל, מײַן קינד, אַז דו זאָלסט געהן מיט אונז...

מאַשע (וויל זיך באַפֿרײַען). לאָז מיר אַלײן — לאָז מיך! איך באַדאַרף קײנעם ניט האָבען.

פאַני (גלעט איהר). מיט אונז, מאַשעלע, וועסטו געהן (נעהמט בײַ איהר דעם בוך פֿון דער האַנד) וואַרף דעם בוך, געשווינד דיר, קום, מיר וועלען פֿאָהרען רײַטענדיג.

מאַשאַ (בײז). געה דיר צו דײַנע פּויערים, געה דיר! לאָז מיר, כ'וויל אַלײן בלײַבען אין שטוב. איך קען מיט קײן פּויערים ניט אומ־יאָגען זיך.

פאַני (ווײנט). מאַשעלע... מײַן קינד... געה ניט מיט אַנ־גען... מאַשע... זי רעדט מיט דיר אַ מאָהל — געה ניט מיט איהר... אַנגנאַ געהט אין וואַלד אַרײַן אויך...

מאַשע. טאָ מיט וועמען זאָל איך אומגעהן — מיט דיר?.. כ'קען מיט דיר ניט רעדען. פֿערשטעהסט ניט וואָס מען רעדט צו דיר... האָסט אַלץ פֿערגעסען... מיט אַנגנען וועל איך געהן און וואָס זי וועט מיר זאָגען וועל איך הערען... אַפילו ווען זי שווײַגט פֿערשטעה איך אַלץ... אַלץ פֿערשטעה איך. געה זיך וואוהין דו ווילסט —

פאַני (קושט מאַשען. איהר קול ציטערט). הער זיך אײַן, מײַן קינד... כ'וויל דו זאָלסט מונטערער ווערען... כ'וויל דו זאָלסט געהן... (דריקט איהר צו זיך) ווער אַביסעל פֿריילעכער... קוק זיך ניט אײַן אויף אַנגנען — קוק ניט, וואָס זי טוהט... געזונד וויל איך זאָלסטו זײַן... לעבעדיג וויל איך זאָלסטו זײַן...

מאַשע (רײַסט זיך אַרויס). מיט אַנגנען וועל איך געהן, וועל איך לעבעדיג זײַן. (זעצט זיך אויפ'ן זאָפֿע דער קאָפּ אַראָבגעהאַנגען).

פאַני (שטאַרק צעטראָגען. שלײַדערט דעם בוך פֿלויצלונג). מאיר, מיר פֿאָהרען!.. דעם בעסטען פֿערד וועל איך זאַטלען און קײנער וועט אונז ניט איבעריאָגען... הערסט, מאיר — קײ—נער ניט! (געהט שנעל אַרויס. מ'הערט זיך נאָך אונטערן פֿענסטער פֿאַניס קול: „קײנער וועט אונז ניט איבעריאָגען"!)

מאיר (געהט אַרויס).

מאַשע. (הייבט אויף דאָס בוך פֿון דער ערד. קוקט אין

איהם א ציט. לעגט איהם אוועק נעבען זיך. קיקט זיך ארום צישטרייט. רעדט האלב ווינענדיג) שטענדיג אליין... שטענדיג אליין... פאר וואס לאזט מיר אננא, אויך אליין?.. פאר וואס מיידט זי מיר אויס?.. (קיקט אין פענסטער. זי מערקט וועמען. זי גיעהט שנעל אריין רעכטס און פערשליסט די טיהר הינטער זיך. ס'ווערט פינסטערער).

(פויזע).

א נ נ א (קומט אריין. האט א צישטרייטעס אויסזעהן. קיקט איבער איבעצער איז אין שטוב פאראהן. זי גיעהט צו צום פענסטער — רופט). סאפיר! איהר קענט אריינגעהן, קיינער איז ניטא.

ס א פ י ר (א בחורעט. מיט שווארצע איינגעפאלענע אויגען. הויך און דאר געוואקסען. קומט אריין).

א נ נ א (מיט א קוילען שמייכעל). פאני בעניסט יעדען פריה־מארגען און ביי זונאינטערגאנג מיינע בלומען די זאלען וואקסען... (ווייזט צום פענסטער) דארט זענען מיינע בלומען... פרעמדע בלומען!..

ס א פ י ר. אפשר זענען דאס ניט קיין פרעמדע.

א נ נ א. פאר אייערטוועגען וואקסען נאך אפשר ערגעץ וואו בלומען, אבער פאר מיר... איהר וועט געזונד ווערען; פאר אייך וועט זיך נאך אנהויבען א נייע לעבען (זי זעצט זיך אויף דער זאפע און קיקט ארויס האפונגלאז אויף דער גאס) אך, בלומען מיינע... בלומען מיינע!.. וואקסען הויך פאני'ס ברכה... פאני האט אייך געבענשט אבער ניט איך... ביי מיר אין הארצען איז אפשר בעהאל־טען בלויז א קללה פאר אייך און פאר'ן גאנצען לעבען...

ס א פ י ר (זעצט זיך נעבען אננע'ן). ווען איך וואלט געוועזען געזונד, וואלט אפשר די האפנונג שוין לאנג מיר אויסגעלאשט. ס'קען זיין, אז ביים ווארט: „איהר זענט שוין פ א ל ק א ם געזונד" וואס דער רופא וועט מיר זאגען, וועט זיך דער לעצטער פונק פון מיין הארצען אויסלעשען... זייענדיג קראנק דוכט זיך, אז און ל ע ב ע ן איז פאראן נאר שענעס... עס שווימען אום פייערליך ליכטיגע... ס'איז פאראן א כשוף וואס צויבערט נאך פון ווייטען... ברענגט אין בעוועגונג אלע גלידער און ס'גיעהט זיך נאך פארווערטס...

א נ נ א. יא, ס'גיעהט זיך פ א ר ו ו ע ר ט ס... אלע גיעהן פאר־ווערטס — אבער ניט ביי אלעמען האלט זיך דאס גאנצע לעבען דער באמעס מילך אויף די ליפען. ביי מיר האט זיי די בייזע האנד נאך גאר אין דער יוגענד אבגעווישט... און די האנד וואס האט מיך געפוהרט גערענק איך ניט — ניין איך געדענק זי ניט... איך בין אליין,

גאַנץ אַליין געגאַנגען און אין אַ קורצע צייט האָב איך אַלץ הירבגעמאַכט. און וואָס ווייטער האָט אַלץ שטאַרקער געקלונגען אין מיינע אויערען די פֿראַגע „וואוהין“? „וואָס ווייטער?“... „וויפֿיעל איז דער שיעור?“ ביז איך בין אין אייער וואַלד געקומען... (שווייגט אַ ווייַלע) אייער וואַלד, און וועלכען איך גנבע זיך אריין אַמאָל, פֿאַני זאָל ניט וויסען, האָט מיר זעהר פֿיעל, זעהר פֿיעל פֿערענטפֿערט. דאָ האָב איך געזעהען די ווירקליכקייט אין איהר אמת'ן פֿאַרב... דאָ ביי אייך אין וואַלד שוועבט אום אַנ'ענטפֿער אויף אַלע פֿראַגען וואָס האָבען מיר מיין מח געגעבערט. (די נויגט זיך צו איהם) עלענד... עלענד... קאַלט אַרום, סאַפּיר. אַ אָסיען־נאַכט אַרום... (רעדט צוטריט, דריקט זיך אַלץ מעהר צו איהם) די דריקסט זיך צו יענעמ'ס ברוסט — עס ציטערט... יענעם איז — קאַלט... מען וואַרימט זיך כלומר'שט...

ס אַ פּ י ר (טוליעט זיך צו איהר). רעדט עס ניט, אַננאַ... ציטענווייז הוכמ זיך, אַז דאָס האַרץ דיינס בענקט, רייסט זיך צו אַזוינס וואָס דיר, דיין נשמה פֿעלט נאָך... דיין נשמה איז נאָך ניט גאַנץ... דאָס האַרץ וועט אַזוי לאַנג בענקען ביז די נשמה וועט ניט גאַנץ ווערען... סוועט זיך גלויבען, אַז מ אָ ר ג ע ן וועט וואָס בייעס געשעהן; וואַרימער וועט די זון לייכטען —

אַ נ נ אַ. איך האָב שטענדיג געלעבט אין מיין נ ע כ ט ע ן צוליב היינט... און היינט צוליב מ אָ ר ג ע ן — סאַפּיר! ס'איז קיין „מאָרגען“ ניטאָ!.. (נערוועז) ניטאָ סאַפּיר! ס'אַליגען! ס'איז ניט מעהר ווי אַ לאַנגער, לאַנגער, פֿינסטערער און קאַלטער „היינט“...

ס אַ פּ י ר (ציטערט ווי פֿון קעלט).

אַ נ נ אַ. (קאַלט) אייערע מענשען דאָ אין וואַלד וויסען ניט, אַז גאָר ניט ווייט פֿון דאַנען איז פֿאַראַן אַ גרויסע, גרויסע אַזערע... פֿאַני האָט מיך געפֿירט אַהין ווייזען ווי דער בלאָהער הימעל שפּיגעלט זיך אין איהר קלאָרעם וואַסער... און איך האָב דאָרט עפּיס אַנדערס געפֿונען... דאָרט ליגט אַנ'ענטפֿער פֿאַר אייך אַלעמען — אַפֿילער וואַלד אויסגעלאָשענע... אַרומגעבראָכענע האַלאָוועשקעס... צאַנקען טרוקענע קנייטען — נאָר אַרום זייערע ליפּען איז נאָך געבליבען דער אונצופֿרידענער קנייטש: ס'איז שווער אָהן אַנ'ענטפֿער... — צום אַזערע זאָלען זיי געהן!...

ס אַ פּ י ר (זיין קול ציטערט). אייערע ווערטער גיסען זיך מיר ווי אַ קאַלטער אָסיען רעגען אויף מיין צופֿיבערטעם לייב...

אַ נ נ אַ. (זי הויבט אויף איר קאָפּ. דאָס געזיכט איז קאָנוואַלסיב פֿערענדערט) אויסגעלאָשען דאַכטען זיך לאַנג אַלע פֿייערלעך...

אין אָנפֿאַנג פֿריהלינג בין איך אַהער געקומען — און דאָס איז מיין לעצטער וועג געווען. ווייטער וואוהין צו געהן — איז ניטאָ... טראַ־ בּענטמויין האָב איך דעם קאַלטען גיפֿט דערשפּירט... נאָר וועמען בּיידט עם דאַן אויס. איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל מוז מען דאָך זיך אין אַליין אַנטוישען... דער אונטערשייד איז נאָר אין דעם, איינער לעבט פֿאַרנאַרעשט בּיז זיין קערפּער ווערט צוקנייטשט און צובּראָכען פֿאַר עלטער, און דער אַנדערער ערבּליקט דעם אמת נאָך גאָר פֿון פֿריהמאָרגען. סוף — כּל — סוף בּלייבּען אַלע ליגען אין אונמאַכט און גאַנץ זיכער קריכט דער יאוש אויס זיין צייכען אויף זייער שטע־ רען... הונדערט וועגען פֿירען צום טויט און איינער פֿירט נאָר צום לעבען... וואו איז ער אָבּער דער איינער?... ניטאָ!... ניטאָ!.. (די הויבּט זיך פּלוצלונג אויף שטעלט זיך בּיים פֿענסטער) אָט זעהט זי זיך פֿון דאַנען די אָזערע...

סאַפּיר. (שטעלט זיך) איערע ווערטער שרעקען מיך פּונקט ווי דער בּית־עולם וואָס זעהט זיך געדענגדיג פֿון וואַלד אין שטאָט אַריין...

אַננאַ. ניטאָ זיך פֿאַר'ן בּית־עולם וואָס צו שרעקען...דער „אמת" איז ניט שרעקליך... (זי קוקט אין פֿענסטער אָנגעשטרענגט) איהר זעהט דאָרט אויפֿ'ן וועג צום אָזערע צוויי רייטערס?

סאַפּיר (קוקט אין פֿענסטער). יאָ איך זעה. אַ גאַנצען האַל־ קען שטויב לאָזען זיי נאָך זיך.

אַננאַ. דאָרט פֿאָהרט פֿאַני אין מאיר... זיי גלויבּען אַז זיי פֿאָהרען אויפֿ'ן וועג פֿון לעבען... (זי קוקען בּיידע אַ צייט אין פֿענסטער).

אַננאַ. זי וויל איהם איבּעריאָגען... (ענערגיש) קומט סאַפּיר! כ'וויל נאָך היינט זיין בּיי אייך איין מאָהל אין וואַלד — קומט! (געהט אַרויס מיט אַ נערוועזע שנעלקייט).

סאַפּיר. ניין. אין וואַלד האָב איך שוין גאָר ניט וואָס צו מאַכען... (מיט איבּערצייגונג) יאָ! סוועט זיין גענוג פֿאַר מיר. (געהט נאָך שטיל אַנגעגען דער קאָפּ אַראָבּגעלאָזען. ס'פֿאַלט צו די נאַכט).

מאַשע. (געהט אַרויס פֿון איהר צימער שטאַרק צוטראָגען. קוקט אַ ווייַלע אין פֿענסטער. ד פֿאַלט אויף דער זאָפֿע און וויינט זיך פֿאַנאַנדער אין דער שטיל).

(פֿאָרהאַנג).

דריטער אַקט.

די דעקאָראַציע ווי אין צווייטען אַקט. שפּעט ביי נאַכט. די טהיר און פענסטער זיינען אָפען. אויס'ן גאַס בליצט. רעכטס, פון מאשעס צימער שלאָגט א פּאַס ליכט אויף דער סצענע.

עוזר (ער געהט אַרויס פון ליכטיגען צימער. קוקט דורכ'ן פענסטער אויף דער גאַס). אויף דער גאַס וועט מסתמא באַלד ווערען אוונד. די כמאַרעס ווערען שטאַרקער.

מאשע (רעדט אינ'ם ליכטיגען צימער). צינד דאָרט, פּאַפּאַ, אָן דעם לאָמפּ. וועט מען אפשר ניט זעהען ווי עס בליצט.

עוזר. כ'וואָלט די לאָדען צוגעמאַכט נאָר כ'וויל הערען איב די קינדער געהן שוין... אין גיכען וועט עס אינגאַנצען פון זינען אַראָב. אינגאַנצען פון זינען אַראָב.

מאשע. מיר איז בעסער, פּאַפּאַ. כ'וויל אַרויסגעהן לעגען זיך אין שטוב.

עוזר. וואַרט אַביסעל. כ'וועל דעם הענגלאָמפּ אָנצינדען.

מאשע. קום שוין בעסער צו מיר, פּאַפּאַ. צינד ניט. קום צו מיר. עס שרעקט שוין מיך ווידער. פּאַפּאַ עס שרעקט מיך ווידער...

עוזר. (ער געהט אַריין צו מאשען. און קומט אין א ווייל אַרום צוריק. טראָגט אין איין האַנד א שטעה-לאָמפּ און אין דער אַנדערער א קישען. ער שטעלט דעם לאָמפּ אויפ'ן טיש און די קישען לעגט ער אויף דער זאָפע).

מאשע. (בעוועגט זיך אין טיהר פון איהר צימער. דאָס געזיכט בלאַס. די האָר צעלאָזען. אָנגעטהאָן אין א לייכטען ווייסען קאַפּאָט). אָט בין איך שוין, פּאַפּאַ.

עוזר (ער פיהרט די צום זאָפע, זי לעגט זיך, ער זעצט זיך נעבען איהר) עס בליצט אויף דער גאַס. סיועט זיך מסתמא באַלד אויסגיסען א שלאַקס-רעגען. כ'וואָלט וועלען אַז דער רעגען זאָל זיי ניט אויסוואַשען... אוי שפּעט, אוי שפּעט!

מאשע. זיי זענען געפאָהרען צו געגאַנגען?

עוזר. פרעג עס מיר ניט, מיין קינד. בעסער פרעג עס ניט.

כוויל עס גאָר ניט הערען. (אין אַ ווײַלע אַרום — טאַפּט מאַשען איהר קאָפּ). דיר איז בעסער? איך זעה מײַן קינד, אַז דיר איז בעסער... גאָט וועט געבען, ווינטער צו, וועל איך דיר שיקען אין שטאָט אַרײַן. ווילסט פאָהרען, מײַן קינד, אין אַ גרויסער שטאָט?...

מאַשע. טהו אַ קוק פּאַפּאַ אין פענסטער, אפשר געהען זיי שוין.

עוזר (קוקט אין פענסטער). מען זעהט גאָר ניט. זיי וועלען קומען, זיי וועלען קומען. די כמאַרע מיט'ן רעגען וועט זיי שוין ברענגען צוטרייבען. אננא פֿלעגט דאָך קיין מאָהל אַזוי שפּעט ניט אַרומשלעפּען זיך... כוועל נאָר אַרויסגעהן אויף דער גאַס אַ קוקטהאָן.

מאַשע. לאָז מיר פּאַפּאַ ניט אַליין.

עוזר. האָבסט זיך דאָך קיין מאָהל אַזוי ניט געשראָקען. זעה ווי דו ביזט בלאַס אין צושראָקען... (זעצט זיך נעבען איהר). דערצעהל מיר מײַן קינד, וואָס איז דאָ געשעהען?... איז דאָ געשעהן עפּעס אַזוינס?.. ווייסט וואָס?..

מאַשע. זעה, פּאַפּאַ, צו זיי געהען נאָך ניט.

עוזר. האָט וואָס געטראָפען און איך ווייס גאָר ניט?

(פֿייגעלע שטעקט אַרײַן דעם קאָפּ דורכ'ן פענסטער אין שטוב אַרײַן).

מאַשע (מערקט פֿייגעלען און דערשרעקט זיך). ווער איז דאָרט פּאַפּאַ?! אין פענסטער!

עוזר (פֿערוואונדערט). דו פֿייגעלע? אַזוי שפּעט אין אונזער געגענד?

פֿייגעלע. מאיר און פאַני זענען געקומען צו אונז רייטענדיג. זיי האָבען גערופען אונזערע פּאַראָבקעס.

עוזר (ערשטוינט). גאָט מײַנער! וואָס איז דאָ אַזוינס?... (פֿייגעל קומט אַרײַן) אייערע פּאַראָבקעס גערופען? נאָך וואָס?

פֿייגעלע. איך ווייס גאָר ניט...

עוזר. דו, פֿייגעלע, זיץ אין שטוב מיט מאַשען. איך קום באַלד צוריק. איך געה נאָר אַרויס אויפ'ן ושעזשיניץ. אפשר וועל איך דאָרט וואָס דערגעהן. (ציקט מיט די אַקסלען) אַ נאַכט... אַ נאַכט אַביסעל!... (ער געהט אַרויס).

פֿייגעלע (זי זעצט זיך נעבען מאַשען).

עוזר (שטעקט אַרײַן דעם קאָפּ אין פענסטער). טאָכטער, קינדער, וועט ווערען אַ ביזע זאָלט איהר צומאַכען די פענסטער אויף די קײַטלאָך. פֿון מזרח זײַט ציהט אַ גרויסע כמאַרע. דער ווינד הויבט אָן געהמען פֿון צפון — סוועט וואָס אויסרײַסען (פֿערשווינדט).

מאשע. שוין לאנג אז די זעגען געווען בײַ אײַך?

פײַגעלע. דו ווייסט אויף וועלכען בוים מען האט איהם געפונען?

מאשע. וועמען געפונען?

פײַגעלע. ווייסט גאר ניט? אבי כ'האב געמיינט אז איהר אלע ווייסט שוין... דעם שווארצען האט מען געפונען הענגענדיג אויף דער בערעזע וואס שטעהט דארט אליין ווייט פון וואלד — אויף דעם וועג וואס פיהרט צו אונזערע קארענס.

מאשע (ציטערט).

פײַגעלע. וואס איז דיר מאשעלע?

מאשע. מיר איז גאר ניט פײַגעלע. מיר איז גאר ניט... איך שרעק זיך נאר שטארק.

פײַגעלע. דיך שרעקט וואס כ'האב דיר דערציילט? פאר וואס איז זיך פאראהן צושרעקען? ער ליגט נעבען וואלד. מען האט איהם געלעגט נעבען דער גרויסער אלייע — דארט וואו ס'איז אמאהל געווען דער הויכער מיראווניק. מען זאגט, אז מען ווייסט גאר ניט פון וואנען ער איז.

מאשע. זעץ זיך נאהענטער צו מיר... האסט גאר קיין מורא ניט?

פײַגעלע. איך? גאר ניט! אט בין איך איצטער אליין געקומען אהער. מען זאגט אז ער האט זיך אפשר אויף נאך א ני־ארשין אויסגעצויגען... ער איז געהאנגען א שווארצער אויף דער ווייסער בערעזע... א געוואלד וואס פאר א צונג ער האט ארויס־געשטעקט...

מאשע (שפרינגט אראב פון געלעגער, בעווייזט מיט שרעק צום זאפע). אט דא אויף דעם ארט איז ער געזעסען!..

פײַגעלע (שפרינגט אויך אראב). וואו זיצט ער דיר? ביזט גאר א נארע. ער ליגט אין וואלד. ער ט'שוין ניט קומען...

מאשע (שטעהט אין מיטען צימער צושטרייט). אלץ ווייס איך... כ'האב זיך אין צימער פערשלאסען... (ס'בליצט) מאך צו דעם פענסטער!.—

פײַגעלע. וואס ווייסטו? זאג, וואס ווייסטו?

מאשע. מאך צו די פענסטער! (ס'הערט זיך נעבען שטוב דאס הירושען פון פערד).

פײַגעלע. אט איז מען צוגעפאהרען צום שטוב! (אין שטוב לויפט אריין פאני מיט'ן בײַטש אין האנד נאך איהר מאיר).

פאני. אזוי האט עס געמוזט זײַן! אזא אנהויב מוז אזא

זיך האָבען... (מערקענדיג מאַשען) וואָס איז מיט דיר מאַשע? וואָס איז מיט דיר?! (דריקט איהר צו זיך) ווי זי זעהט אויס! וואו איז דער פּאַפּאַ?

מאיר. זי שרעקט זיך?

פייגעלע. זי שרעקט זיך ווידער.

פאַני. לעג זיך אויפ׳ן זאָפע. וואָס שטעהסטו אַזוי אויפ׳ן מיטען שטוב?

מאַשע. כ׳וועל אויפ׳ן זאָפע ניט ליגען... פאַני, איך ווייס אַלץ, כ׳ווייס אַלץ־דינג...

פאַני (גלעט זי). זאָג מיר, וואָס ווייסטו? זאָג מיר... זאָג מיר וואו איז אַננאַ? וואוהין איז זי געגאַנגען... האָסטו וואָס געהערט?..

מאַשע. (שטעהט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ).

פאַני. זי האָט היץ. לעג זיך אין בעט. פייגעלע, דו וועסט נעבען איהר זיצען. כ׳וועל דעם לאָמפּ זוכען אַהין טראָגען. (זי פיהרט מאַשען אין צימער אַריין. פייגעלע טראָגט נאָך דעם לאָמפּ).

מאיר. ס׳וועט זיך באַלד וואָס צושפּילען אויף דער גאַס.

פאַני. (צוריק פון צימער) מיט׳ן קינד איז עפּעס ניט גאַנץ היימליך... אַך אַננאַ, אַננאַ!... (מונטערער. לעגט איהר האַנד אויף מאירס שולטער) היינטיגע נאַכט וועט וואָס געשעהן. ס׳מוז וואָס געשעהן. אַזוי קען עס שוין מעהר ניט בלייבען... ווען איך פאָהר אין פעלד; ווען איך געה אויפ׳ן וועג ווינקט צו מיר יעדער בוים — יעדעס גרעזעל רעדט אין בעט, אַז איך זאָל זיי באַפרייען.. וועסטו מיט מיר געהן, מאיר?...

מאיר. איך וועל געהן.

פאַני. עס בליצט שטאַרקער אויף דערוואויסען... די גאַנצע אָדיערע מוז איצט זיין באַלויכטען.

פייגעלע. (איהר קלינגענדיגער געלעכטער פון צימער). דו ווייסט, אָבער מאַשעלע וואו מען האָט זיי געפונען? דו ווייסט מאַשעלע? אויפ׳ן סטאַג שטרוי האָט מען זיי געפונען. (לאַכט) אויפ׳ן רעכטען שפּיץ האָבען זיי זיך פערקליבען... די פּאַראָבקעס האָבען זיי מיט די גראַבליעס אַראָבגעשלעפּט.

פאַני. (פערקלערט). וואָס איז מיט מאַשען אַזוינס?...
(פּלוצלונג). וועסטו מיט מיר פאָהרען?

מאיר. כ׳וועל פאָהרען.

עוזר (קומט אַרײַן אומרוהיג). זאָגט מיר קינדער, װאָס איז דאָ אַזױנס געשעהן? װאָס לױפֿט איהר אַלע אַזױ אום?...

פֿאַני. װאָס ביזטו אַזױ בלאַס פּאַפּאַ?

עוזר. זאָג מיר דו, מאיר, װאָס איז דאָ אַזױנס געשעהן? דאָס קינד שרעקט זיך און רעדט פֿון הײַן.

פֿאַני. (רעדט שאַרף מיט אַ קלינגענדען קול). דו האָסט מיר ניט געלאָזט לאַכען, פּאַפּאַ. און איצטער װאָלט איך װעלען, אַז מײַן געלעכטער זאָל זײַן שטאַרקער פֿון די הונגעריגע װעלען באַלד אויס־ברעכען!... װאָס ביזטו אַזױ בלאַס, פּאַפּאַ?... זעהסט, מאיר, פֿון איהרע זאַמען װעגען דאָך בלומען אויסגעװאַקסען... גײ, פּאַפּאַ אַרײַן אַביסעל צו מאַשען...

עוזר (צײכט מיט די אַקסלען). זײ װעלען מיר הײַנטיגע נאַכט פֿון זינען אַראָפּבּרענגען! (גײט צו מאַשען).

פֿאַני. הערסט, מאיר. אַלײן קען מען צוריק פֿערפֿלאַנצען... די ערד האָט ניט פֿערדינט אַז אויף איהר זאָלען זיך קרעכצען הערען.. די ערד האָט ניט פֿערדינט, אַז פֿון איהרע בלומען זאָל מען קרענץ פֿאַר טויטע פֿלעכטען... איך װעל מאיר, שנײַדען דעם מאַרג ערד װאָס דו האָסט געזעהט... איך זעה מאיר, אַז אַלײן װעסטו מיט מיהר טאָהן...

מאיר. איך האָב ליב לאַנג צו שװײַגען נאָר אַז כ׳מוז זיך אַריר איז שױן אָבטאָהן אַלײן אויף זיכער... (ער קוקט אין פֿענסטער) די פֿערד רײַסען זיך. די כמאַרע װערט נאָך געדיכטער.

פֿאַני. ס׳האָט זיך נאָך װער פֿון זײ געדאַנגען אין װאַלד. די גאַנצע נאַטור איז געגען אַזױנע. אַ בױם קען גאַנץ לאַנג אויף זיך קײן געדאַנגענעס ניט האַלטען. װען אײנער הענגט זיך אויף אַ בױם, װײַט אין טיפֿען װאַלד, װײַט פֿון װעג און פֿון מענשען... װערט אַ גרױסע בורע — אַ שטורם רײַסט זיך אויס: דער גאַנצער װאַלד בױגט זיך אויס צו דער ערד — ביז דער בעלי־דינטער בױם טרײסעלט פֿון זיך אַראָב דעם געדאַנגענעם...

עוזר (גײט אַרױס פֿון צימער). פֿאַני, גײ אַרײַן צום קינד! ניט קײן טאָג און ניט קײן נאַכט איז בײַ דיר — גײ אַרײַן צום קינד!

פֿאַני. ערב יום־טוב איז הײַנט בײַ מיר. צוזאַמען מיט דעם גאַנצען געגענד װעל איך דעם יום־טוב פֿײַערען (גײט צו מאַשען).

עוזר. װי נאָר ניט צו מײַן שטוב װאָלט עס געהערט... װי נאָר ניט מײַנע קינדער װאָלטען זײ געװען... זאָג מיר, מאיר, װאָס שטעהען נאָך די פֿערד הינטערן ט׳היר?! װאָס איז מיט׳ן קינד?... װאָס שטעהען די פֿערד געזאָטעלט?

מאיר. פאני וויל נאך היינט פאָרען...

עוזר (בייז). היינט?! משוגע איז זי! וואָס טראַכט מען זיך נאך אַהיים?.. דער אינגערער שלאָפט שוין?.. (גייט אין צימער).

פאני (גייט פון מאשע'ן). וואָס שרייט דער פּאַפּאַ אַזוי?

מאיר. ער איז אין כעס וואָס מען פאָהרט אום. ער איז געגאַנגען זעהן אויב נפתלי שלאָפט שוין. זאָל מען איהם דערצעהלען?

פאני. איך האָב איהם גאָר ניט וואָס צו דערצעהלען.

עוזר (פון צימער שטאַרק אין כעס). ער איז אויך ניטאָ! וואו איז ער?! וואו איז זי—זי אַנגאַ?! וואו איז זי!.. וואו איז נפתלי?.. וואָס שרעקט זיך דאָס קינד?..!

פאני. וואָס ביזטו אַזוי אומרוהיג, פּאַפּאַ? די יוגענד שלאָפט ניט. ער פאָהרט געוויס אום איבער די פעלדער.

עוזר. איצטער? איבער די פעלדער?! (קוקט אָהן פאני'ן אָהן ווערטער).

פאני. דו קענסט עס פּאַפּאַ ניט פערשטעהן ווי די יוגענד שלאָפט ניט?.. קום—אויך מיט אונז. לאָמיר זאָטלען דעם סוואַק. און דו וועסט מיט אונז מיטפאָהרען. מאשע איז רוהיג—ווילסט מאשע, דער פּאַפּאַ זאָל מיט אונז פאָהרען?..

עוזר. עט, ניטאָ וואָס צו מאַכען מיט אייך!...

פאני (נעהמט מאיר'ן פאַר'ן האַנד). קום, מאיר! דער פּאַפּאַ וועט קיין מאָהל ביז ניט זיין, קום! (געהן אַרויס)

עוזר (קוקט אין פענסטער). ווי די שדים האָבען זיי זיך אַוועקגעטראָגען! דאָס איז שוין ניט אומזיסט. (ער קוקט אין אַלע פענסטער אומרוהיג. גייט אַרויס אַ ווײַלע אויפ'ן ווערענדע און קומט גלייך צוריק רעדענדיג:) דאָס איז שוין גאָר ניט אומזיסט... מיך וועט מען ניט נאַרען... (ער פערמאַכט אַלע פענסטער. עפענט שטיל די טיר פון מאשע'ס צימער).

פייגעלע (גייט אַרויס פון צימער). זי שלאָפט.

עוזר. גוט וואָס זי שלאָפט. בלייב דאָ, מיין קינד, אַ ביסעל. זועכט אויף איהר אַכטונג געבען. כ'וועל נאך אַמאָהל אויף דער גאַס אַרויסגעהן... איך קום באַלד צוריק... (גייט אַרויס).

פייגעלע (קוקט לאַנג אין יעדען פענסטער בעזונדער אָנגעשטרענגט. מאַכט פּלוצלונג אַ פּאָזע ווי זי וואָלט וועמען בעמערקען הינטער'ן פענסטער. זי שטעלט זיך אַנטקעגען דער גאַס-טיהר אין ערוואַרטונג).

נפתלי (רייסט זיך אַריין אין שטוב פערסאָפּעט). דער פּאַפּאַ איז ניטאָ?

פֿײגעלע (שטיל). דער פּאַפּאַ וועט דיר שוין געבען. ער איז אַוועק אויפֿן זשעזשיניץ דיך זוכען.

נפֿתלי. ביזט שוין לאַנג דאָ?

פֿײגעלע. רעד אַביסעל שטילער, וועסט מאַמען אויפֿוועקען.

נפֿתלי. די שלאָפֿט?

פֿײגעלע. זי איז קראַנק. זי רעדט פֿון היץ.

נפֿתלי. די שלאָפֿט?

פֿײגעלע. זי דרעמעלט נאָר.

נפֿתלי (פֿירט זי אָב אַן אַ זײַט). דער פּאַפּאַ ווייסט שוין?

פֿײגעלע. ניין. זאָג מיר וואו ביזטו געוועזען?

נפֿתלי. איך בין אפֿשר מײַלען אויסגעפֿאָהרען. איך בין אין וואַלד אויך געוועזען. ס'איז דאָרט קיינער ניטאָ. ס'ווערט אַ בורע זענען זיי אַלע אַהיים אַוועק... דער פֿעלד איז אינגאַנצען בעדעקט מיט אַ ווײַסען שוים. איך וועל איהם אַרײַנפֿאָהרען אין שטאַל. קיינער זאָל ניט מערקען. (ס'דונערט) זאָג מיר, קיינער איז אין שטוב ניט געבליבען?

פֿײגעלע. האָסט דען ניט בעגעגענט מאיר'ן און פֿאַני'ן?

נפֿתלי. וואו זענען זיי?

פֿײגעלע. זיי זענען ביידע אַוועקגעפֿאָהרען.

נפֿתלי. אין וועלכער זײַט?

פֿײגעלע. כ'ווייס ניט, אפֿשר זענען זיי אין שטעטעל אַרײַנגעפֿאָהרען? זי פֿלעגט אַמאָהל געהן אין שטעטעל אויך.

נפֿתלי (פּלוצלונג). קום, פֿײגעלע! מיר וועלען נאָך ביידע פֿאָהרען צום טאַבאַליען אַליין. מיר וועלען נאָך דאָרטען זעהן. קום מיט מיר. מיר וועלען זיך ביידע אויף איין פֿערד זעצען. ער וועט אונז נאָך ביידען פֿערטראָגען... דיר וועל איך דעם זאַטעל אָבטרעטען און אַליין וועל איך זיך הינטער דיר זעצען...

פֿײגעלע (כאַפּט איהם אַרום). אויף איין פֿערד ווילסטו זאָלען מיר פֿאָהרען?

נפֿתלי. אָבער דו ווילסט, זאָג?

פֿײגעלע. כ'וועל הערען אויב זי שלאָפֿט (הערט זיך צו צו מאַמע'ס צימער). ס'דונערט נאָהענטער.

נפֿתלי. זי שלאָפֿט געווים. שטענדיג שלאָפֿט זי שוין אין דער צײַט. (ער פֿירט זי אָב פֿון מאַמע'ס צימער). קום, פֿײגעלע, מיר וועלען אַרויספֿאָהרען דורכ'ן פֿערטעל נעבען בחנען. מיר וועלען זיך גלײַך מיט דער מעזשע לאָזען. צווישען אונזערע קאָרענס...

מיר וועלן זיך מיטן פֿערד צווישן די קאַרעטעס באַהאַלטן...
מאַשע שלאָפֿט שוין. קום! אונזער מאַשע איז לאַנג... מיר וועלן די ווערכפֿאָהרען אין דערנאָך וועלן מיר זיך לאָזן אַרום דער אָזיערע מיטן מאָסטאָווען ווערדעל אין דערנאָך צום ווינטמיל...

פֿייגעלע (פֿערכאַפּט). גוט!

נפֿתלי. דער ווינטמיל מוז איצטער שטעהן. די פֿליגעל מוזען זיין צוגעבונדען מיט קייטען דער ווינד זאָל זיי ניט אָפּרייסען. מיר וועלן אָפּלאָזען די קייטען אין די פֿליגעל וועלן אָנהייבען טראָגען ווי אַ ווייכער...

פֿייגעלע. דאָס וויל איך ניט. מאיר האָט געזאָגט אַז דערפֿון קען זיך נאָך אָנצינדען דער מיהל.

נפֿתלי (אַרעמט זי). און דו האָסט מורא פֿאַר פֿייער?

פֿייגעלע. ניין. נאָר אַז אַ ווינטמיהל ברענט, כאַפּט אָן אַ שרעק... ס'האָט אַמאָל ניט ווייט פֿון אונז געברענט אַ ווינטמיהל. דאָס אָנגעכאַפּט אַ פּחד צוקוקען. ווי פֿיער פֿייערדיגע הענד האָבען די פֿליגעל אַרומגעדרעהען... אין דערנאָך זענען זיי אַראָפּגעפֿאַלען אין צושאָטען זיך אויף האָלאָוועשקעס... נאָר האָלאָוועשקעס איז פֿון זיי געבליבען...

נפֿתלי. קום דזשע גיכער! וועסט זעהען ווי מיר וועלן זיך טראָגען! אַז ער לאָזט זיך אַוועק גאַלאָפּ ציהט ער זיך ביי דער ערד ווי אַ שלאַנג... ער ווייסט וועמען ער טראָגט אויף זיך. קום גיכער, מיר וועלן נאָך אַפֿשר אָנטרעפֿען פֿאַני'ן און מאיר'ן...

פֿייגעלע. דער פּאַפּאַ קען אונז נאָך באַגעגענען.

נפֿתלי. מיר וועלן דעם דזשעזשיניץ אויסמיידען. — צווישען די קאַרעטעס! גוט?..

פֿייגעלע (פֿערכאַפּט). יאָ!..

נפֿתלי (כאַפּט איהר פֿאַר'ן האַנד). אַך וועלן מיר זיך עם טראָגען. (געהן שנעל אַרויס. פּויזע. פֿון די בליצען ווערט גאַנץ אָפֿט באַלויכטען דער צימער. די דונערן דערנעהענטערען זיך. מיט אַמאָל גיט עס אַ שרעקליכען קנאַל).

מאַשע. (לויפֿט אַרויס פֿון איהר צימער אַ צושראָקענע. רופֿט „פֿייגעלע!“... „פּאַפּאַ!“... „פֿאַני!“... ס'קנאַלט אַ צווייטען מאָל דער דונער גוואַלדיג. די שפּרינגט אָב פֿון אָרט פֿאַר שרעק, הויבט אָן צו וויינען. קוקט אין יעדען פֿענסטער באַזונדער צו אייניגע מאָהל. ביי יעדען בליץ שפּרינגט די אָב הינטערזיך. רעדט: „וואו האָבען זיי מיר אַליין געלאָזען?... כוועל בעסער אויף דער גאַס אַרויס“... די לויפֿט אַרויס אויף דער וועראַנדע. נאָר דערשראָקען פֿון אַ בליץ

לויפט די צוריק אין שטוב אריין. זי בלייבט שטעהן אין מיטען צימער צושטרייט. קוקט אויף אלע זייטען... אין די פענסטער פאנגט אן צו זעהען ביסלעכווייז ליכטיגער, ליכטיגער... ווי ס'האלט ערגעץ נאהענט א שרפה אויסגעבראכען. דער צימער ווערט אינגאנצען באלויכטען פון א רויטען שיין. מאשע רייסט אויף מיט שרעק איין פענסטער. ס'זעהט זיך דער הימעל רויט. זי רייסט אויף דעם צווייטען פענסטער ס'בעווייזען זיך די ביימער אבגעגאסען מיט פורפור-רויטקייט. ס'הערט זיך אונטער'ן פענסטער איילענדיגע טריט פון רייטער).

פאני (זי לויפט אריין אין שטוב). איין מאל פאר אלע מאל — מיט אלין געענדט!

מאשע (פאלט פאני'ן אין די ארעמס אהן ווערטער).

פאני (דריקט מאשע'ן צו זיך). אליין ביזטו געבליבען, מיין קינד! קום צום פענסטער, שוועסטער מיינע. זעהסט וואס אויף דער גאס טהוט זיך — דער וואלד ברענט!.. וועה מיין שוועסטער: קום אהער, מאיר! (ס'דונערט).

מאיר (אונטערען פענסטער). מיט וועג טראגען זיך צוויי רייטער אויף איין פערד... ווי א שטיק פייער זעהן זיי אויס...

פאני (קוקט נייגעריג אין פענסטער). פון אלע זייטען האבען איהם די פלאמען ארומגעכאפט! עס ברענען די לעבעדיגע מצבות... די שאטענס לויפען פון וואלד ארויס (עס דונערט). דער הימעל לאכט פאר שמחה!.. הערסט מאיר, ווי די ערד זינגט... די ערד זינגט איהר איביגען הימען... אלע איהרע קינדער שטעהן פערגאפט — מיט איין איינגעהאלטענעם אטעם און הערען צו דאס געזאנג... דאס הארץ זייערס שפרינגט פאר שמחה!..

מאשע (שעפטשעט). איך ווייס אלין... איך ווייס אלין...

פאני. שרעק זיך ניט, מיין שוועסטער!.. דער וואלד ברענט... מאיר! איינציגווייז פאלען די ביימער און ווערען צושאטען... די ערד אליין וויל זיי פון זיך ארבטרייסלען. ביז צו די ווארצלען וועט יעדער בוים בעזונדער איבערברענען... מארגען וועט די זון אויפגעהן און בענשען יענעם פרוכטבארען ווינקעל... מיר וועלען מיט דער מאכט יענעם ארט דורכגעהן און די ערד וועט לאכען, לאכען... שפרינגען פאר שמחה... (דער ווינד פאנגט אן רייסען, אונטערן פענסטער — פייפט).

מאשע (שעפטשעט). צום אנדערע געהט... צום אנדערע געהט...

פאני (ציטערט אויף). אך! דארט איז אננא!.. אננא — אין

אָזיערע !... (זי בלײַבט אַ װײַלע שטיל). אַהין האָט זי אױך דעם טױט פֿאַרפֿירט... (הערט זיך צו) ס'שטראָמט דער װינד דאָס גע־רױש פֿון װאַסער... ס'װײנט דאָרט דער גאַנצער געגענד אַרום!.. זי בעט זיך בײַם שטורם צו הילף... (זי הערט זיך צו). ס'שטראָמט זיך מיט'ן װינד איהר צאָרען — יאָמער... ס'האָט זיך דער שטורם ביז צו איהר אָבגרונד געריסען מיט ליאַרעם און פּאַליעס שלאָגען פֿון איהר ברױזענדען האַרצען... עס שלאָגט אַ װילדער שױם פֿון איהר טיפֿעניש — זי װיל דעם טױט דערטרינקען... ס'האָט דער בליץ איהר װאַסער אָנגעצונדען... זי װיל די שאַנד פֿון איהר פּנים פֿאַרברענען....זי װיל דעם טױט אין איהרע אָרעמס דערשטיקען... (שרײַט) די װעט איהם דערשטיקען!..די װעט איהם בעזיגען!.. (הערט זיך צו)

עוזר (זײַן אונרוהיגער קול אונטער'ן פֿענסטער). אין אָזיע־רע!..אַננאַ ט'זיך אין אָזיערע... דערטרונקען... אױפ'ן ברעג אַ טױטע געפֿונען...

פֿאַני (שרײַט). אױפ'ן ברעג האָט מען זי אַ טױטע גע־פֿונען!... אױפ'ן ברעג האָט מען זי אַ טױטע געפֿונען!... איך האָב איהר פֿון מײַן האַרצען אַרױסגעריסען... איך האָב איהר פֿון מײַן נשמה אַרױסגעריסען... און דאָס קלאָרע װאַסער האָט אױף אײביג דער טױט פֿון זיך אַרױסגעשלײַדערט (אין שטוב קומט אַרײַן עוזר און בלײַבט שטעהן אַ גרשטױנטער) קוקט װי דער װאַלד ברענט און בעגריסט מיט טױזענדער פֿײַער פֿלאַמען! אונזערע פֿעל־דער לױכטען!.. די האָבען פֿון זיך דעם טרױער געפֿיל אַראָבגערי־סען... אונזער געגענד זינגט — ער האָט פֿון זיך די קייטען אַראָב־געװאָרפֿען... עס קלינגט דער גרױסער לעבענס הימנ'ן... עס זינגט די ערד דעם נצחון פֿון לעבען!.. (װי זי װאָלט װאָס געהערט פֿון װײַטען).

מאַשע (דריקט זיך צו פֿאַניען. שעפּטשעניג אונטערשטעמע־לכע װערטער).

(פֿאָרהאַנג).

דער תקיעת־כף.

אַ דראַמאַ אין פֿינף אַקטען

מיט אַ פּראָלאָג.

פּערזאָנען.

הענאַך — אַ מילנער.
פּעסיל — זיין פרוי.
חנה'לע — וייער טאָכטער.
חאַשע.
דוד — איהר זוהן.
פּייע.
אָריִמאַן.

פּראָלאָג.

א גרויס צימער, רעכטס און לינקס טירען און פענסטער. מעבּיל איינפאכע, געפארבען רויט. רעכטס שטעהט א בעט. אויפ׳ן בעט ליגט דוד׳ל. נאכט. אויפ׳ן וואנד ברענט א בוימעל־לעמפּיל. עס שיינט, דער בוימעל געהט אויס.

האשע זיצט בּיים בעט. קוקט אן דעם קראנקען. איהר געזיכט דריקט אויס שרעק און אונרוהיגקייט. זי הויבט זיך אויף פון איהר ארט, ווי זי זאל זיך מישב זיין אליין מיט זיך צו לאזען דעם קראנקען. זי נעהמט פאָרזיכטיג דאס לעמפּיל פון וואנד און געהט שטיל ארויס.

דוד׳ל.

ער הויבּט אן צו קרעכצען. פלוצלונג אין שרעק:

הנה׳לע! ס׳טעס ניט טאן... ווארט ביז כ׳וועל שטארבען. געדט, זאגט, אז כ׳וועל שטארבען...

שטיל.

האשע.

זי קערט זיך צוריק מיט׳ן ליכטיגען לעמפּיל. שטעלט עס אויפ׳ן ארט.

ביזט וואך, מיין קינד? א וועלט מיט רשעים. נישט פערגינען מיין גליק. כ׳בין ביי אלעמען אויף דער צונג געווען... שלאפסט ווידער...

זי הערט זיך צו.

דוד׳ל ערוואכט זיך דערשראקען.

האשע.

וואס ביזטו אזוי אויפגעשפרונגען?

דוד׳ל.

ווען כ׳פערמאך די אויגען... ווען כ׳וויל איינדרעמלען...

האַשע.

קושט איהם.

אויף מיר, מײן גאָט, גיס אויס דײן צאָרן... וואָס זעהסטו, מײן לעבען?

דודיל.

בלײבט פון געװײן.

מאַמע, שיק אין מיל אַרײן. הנה׳לע װערט פערקנס׳ט פאַר־אַנ׳אַנדערען. זי װײנט... זי װיל ניט... מיט געוואַלד.

האַשע.

ס׳אַ חלום, מײן קינד; זײ רוהיג.

דודיל.

מיך פרעגט מען ניט... הנה׳לע, מיך ניט. מזל־טוב, שרײט מען. הענאך׳ס שטוב איז בעלויכטען. דער שבת׳דיגער הענגלײכטער, אין אַלע העסעס ליכט...

האַשע.

מײן קינד, װעסט געזונד װערען. הנה׳לע װעט דײנע זײן. מען װעט אײך בײדען אי״ה צו דער חופּה פיהרען. דו װעסט געזונד װערען...

דודיל.

רעדט װי פון היץ:

געדענקסט, האָסט מיר ס׳װאָרט געגעבען... װעסט מײן טײבעלע זײן. אין װאַלד שבת... קײנער ט׳ניט געװאוסט... געדענקסט — ס׳װאָרט געגעבען, װאַרט, װען כ׳װעל שטאַרבען...

האַשע.

מײן קינד, װעסט זײן געזונד. דער, װאָס אין הימעל, װעט אומס דײן מאַמען ניט טאָן...

דודיל.

קלערער:

זאָג מיר, מאַמע, פאַרװאָס איז שוין אַזױ לאַנג בײ מיר הנה׳לע ניט געװען? װער לאָזט איהר ניט אַרײן צו מיר? מאַמע, שיק צו הענאך דעם מילנער; איך װיל זי אַלײן פרעגען — הײנט װערט

זי אַ כלה... וואָס שווייגסטו, מאַמע? ווייסט אַלץ... זאָג, דו ווייסט אַלץ...

האַשע.

איך האָב געשיקט רופֿן אין שול, תהלים זאָגן. די רפֿואה, מיין קינד, וועט גיך קומען. זעה, דיין מאַמע איז פֿערפֿינסטערט— פֿינסטער איז איהר געוואָרן אַרום

דודיל.

די גאַנצע שטאָדט איז דאָרט. מענשען אַ פֿולע שטוב. מען נעהמט פֿון מיר הנה'לען צו...

האַשע.

מיין נשמה פֿאַר מיין קינד. ווער וויל עס ביז טאָן? ווער וויל עס דער מאַמען פֿינסטער מאַכען?...
אַ צייט שטיל.

דודיל.

ער ציטערט אויף, פֿאַלט שיער פֿון געלעגער אַראָב
מאַ—מע!

האַשע.

ווער טוט מיין קינד?... ווער שרעקט מיין קינד?

דודיל

מיך לאָזט מען ניט פֿון בעט אַראָב. מיך האָט מען פֿערשפּאַרט. איהר וועט מען באַלד צו דער חופּה פֿיהרען.

האַשע.

ווער צורייסט עס מיר מיין האַרץ? (זי קוקט זיך איין אין דודי'ס געזיכט) מיין קינד, וואָס זעהסטו? דו קוקסט צושראָקען. זעה, דיין מאַמע שטעהט נעבן דיר. אַלץ וועט זי טאָן. און אויב ס'איז אַ גזר דין, וועל איך איהם צורייסען... מיין קינד! מיין קינד! קוק גלייך אויף מיר. קוק גלייך אויף דער מאַמען...
שטיל.

דודיל.

רעדט צושטרייט:

איך בין געשטאָרבען... הנה'לע וויינט. רייסט זיך צו מיר.

מע לאזט זי ניט. דודיל שטארבט... הנה'לע, כ'וועל ניט לאזען...
(אין א ווילע ארום) מאמע, וואס וויינסטו?

האשע.

יאמערליך:

מיין לעבען... מיין לעבען... וואס וויל מען פון מיין קינד?

דודיל.

וויינסט אליין. דערצעהל, דערצעהל... כ'וויים אויך אליין.
זעה, מען צוקאמט איהרע לאנגע האר... מען טוט איהר דעם
חופה־שלייער אן... כ'בין ניט מוחל... ניין... קיין מאל ניט...
שטיל.

האשע מערקט עפיס אונרוהיגעס אין דודים פנים. קוקט מיט שטארע אויגען. זי ווערט שטארק אונרוהיג. קוקט, אפשר נעהט ווער. לויפט שנעל דורכ'ן טיר לינקס. איילט גלייך צוריק. דאס געזיכט ווייס, ווי קריידע. זי שטעלט זיך הינטער דודי'ס צוקאפענס. זי ברעכט די הענד. איהר פנים דריקט אויס שרעקליכע שמערצען. דערנעהנטערט זיך אויף די שפיצען פינגער, בויגט זיך איבער'ן בעט און קוקט דודי'ן גלייך אין פנים...

דודיל.

גאנץ הויך:

מא—מע, וואו ביזטו?

האשע.

דיין מאמע היט דיך.

דודיל.

צושראקען:

מאמע, וואו ביזטו?

האשע.

איך היט דיין געלעגער.

דודיל.

נ... ניין...

האשע.

זי רייסט אויף זיך דאס לייב. רייסט זיך די האר. קוקט יעדע ווילע צום טיר, אפשר נעהט ווער. קנייפט זיך די באקען פון שמערצען יאמערליך.

פקעטל.

מײַן קינד! מײַן קינד!

ע גײסט איהם פאר די הענד, שרײַט העכער.

מײַן קינד! מײַן קינד!

אײנס נאכ'ן אנדערען קומען אַרײַן מענשען מיט ערנסטע, בלאַסע געזיכטער און בלײַבען שטעהן שטײַענדיג ארום בעט.

האשע.

גײסט דורך.

מײַן קינד! מײַן קינד!...

אײנער פון די מענשען האלט איהר פעסט פאר בײדע הענד. דער צװײטער װינקט צו איהר, זי זאל שװײַגען.

ערשטער אקט.

בײַ הענאך דעם מילנער.

א חדר, אויסגעקאַלכט הײַזעל. מעביל אײנפאַכע, הײַסע. רעכטס צװײ פענסטער, לינקס א טיר אין א צװײט צימער אַרײַן. אָבענד. אין שבת־דיגען העגגלײַכטער ברענען דרײַ ליכט.

הענאך זיצט בײַם טיש, פערזונקען אין געדאנקען. דער קאָפּ אראָבגעהאנגען. פעסיל שטעהט אין מיטען שטוב. קוקט צו הענאך'ן, װי זי װאָלט װארטען אויף א תשובה.

הנה'לע זיצט בײַם פענסטער אויף א שלאָף־באַנק, דאָס פנים בעהאלטען אויס'ן אָרעם.

הענאך.

הויבט זיך אויף פון זײַן אָרט. זיכער.

אַזוי בלײַבט עס. װיפיעל איז דער שיעור צו װארטען? דאָס איז ניט פאַר מײַנע זינד.

פעסיל.

און דיר איז עס גרינג פון מויל אַרויסצורעדען... פערגעסען, הענאך, די אַמאָליגע יסורים. בײַ אונז איז אַמאָל א רחל'ע געװען — אויך גרייט צו דער חופּה געװען.

הענאך.

לאָז צו רוה, אַװײלע! (ער שװײַגט) איך בין א טאטע בין איך, און דו — א מאַמע, איך בין הונדערט און צװאַנציג יאָהר. טאַטע־מאַמע מעגען נחת האָבען פון זײערע קינדער. — גאָט אַלײן הײסט — שטיל.

הנה'לע.

זי געהט צו צו פעסיל'ען, נעהמט איהר אַרום.

איך שרעק זיך אַזוי, מאַמעלע...

פעסיל.

אַליין מיט איהר האָט ער דוקא געוואָלט בלייבען. — האָט ער צו דיר וואָס גערעדט?

הענאָך.

און איך וואָלט עס ניט דערלאָזען.

פעסיל.

ווי דערלאָזט מען עס ניט?

חנה׳לע.

אַז ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער גלייך אָנגעהויבען וויי־נען. אין דער שטיל, אָהן ווערטער האָט ער געוויינט.

הענאָך.

און זכות־אָבות איז אויך קיין קלייניגקייט נישט. מיין טאַטע, זאָל זיין אין גן־עדן, האָט מיך קיינמאָל ניט פערלאָזען.

שטיל.

חנה׳לע.

אין זיינע אויגען איז אַזוי פיעל רחמים געווען. אָהן ווער־טער האָט ער געקוקט אויף מיר... מיר האָבען ביידע געוויינט.

הענאָך.

האָסט קלאָרע דבורים גערדאַרפט זאָגען. טאַטע, מאַמע ווייַ־נען, האָסטו גערדאַרפט זאָגען... אונזער שטוב ווערט פערפינ־סטערט; טאַטע, מאַמע ווילען פון זייער קינד אַ שמחה דערלעבען.

פעסיל.

די מאַמע האָט שוין געווג איהרע אויגען אויסגעקלאָגט — אַזוי האָסטו גערדאַרפט זאָגען. די מאַמע האָט איהר שענסטעס קינד אין דער ערד בעגראָבען און איינס איז איהר נאָך אויף דער ערד פערבליבען. זאָל איהר דאָס איינאיינציגע שטערענדעל לייכטען.

חנה׳לע.

ווי זאָל איך איהם אַזעלכע ווערטער זאָגען? כ׳וועל עס איהם קיין מאָל, קיין מאָל ניט זאָגען. (שווייגט אַ ווײַלע) האָסט דאָך מיר אַליין געהייסען, איך זאָל איהם ליעב האָבען, און איך האָב

אידם, ווי דאָס לעבען, ליעב געהאַט. צו די תנאים איז ער דאָך אַזוי שען געווען... האָסט דאָך, מאַמעלע, אַליין געזאָגט.

קושט דער מטער. שטיל.

פּײַע.

קומט אַרײַן.

אַ גוטער אָבענד!

פעסיל.

ס'קאַציל קומט. גאָר אַליין?

העניאַך.

ווער ס'איז ניט געוואוינט אַליין צו געהן בײַ נאַכט...

פּײַע.

אַז מע דאַרף — געהט מען... וואָס מאַכסטו, הנה'לע? הנה'לע זיצט נאָך בײַ דער מאַמען אויף די הענד. (קוקט זיך אַרום) ליכטיג בײַ אײַך אין שטוב. אַזאַ ליכטיג מזל זאָל זײַן!

העניאַך.

די שטוב געקאַלכט; אַלץ גרייט געווען.

פעסיל.

דהײַנו... אויף זײַן נאָמען טאָר מען קיין קשיות ניט פרעגען.

העניאַך.

איך האָב קיין מאָל קיין קשיות ניט געפרעגט.

פּײַע.

נעמט הנה'לען. קושט זי.

הנה'לע, מײַן קינד, וואָס ביזטו אַזוי בלייך? האָסטו זיך ניט אויסגעשלאָפען?

הנה'לע פערשעמט זיך.

פעסיל.

מיינס אַ קינד שלאָפט ניט שפּעט. מיט ען צו גלײַך אין עס וואַך.

פייע.

נישט אמת, חנה׳לע? (זי זעצט זיך אויף א בענקעל נעבען פענ־ סטער און פיהרט צו זיך חנה׳לען) ווילסט מיינע א טאכטער זיין?

חנה׳לע פערבארגט איהר קאפ.

פייע.

וואס אויף דער לונג — דאס אויף דער צונג. אז ס׳האט זיך געמאכט אנדערש, בין איך א צייט ברוגז געוועזן. ווען זי איז נאך א קינד געוועזן, האב איך שוין אויף איהר אנ׳אויג געווארפען... דאס איז דער זיווג, האב איך פון שטענדיג אן געשריען. א מאמע׳ס הארץ, וואו דער זיווג פון איהר קינד איז. זעהט מען דאך, וואו־ הין איהר זייט פערקראכען.

הענאך.

האב איך דען א הילען? אז גאט וויל בעשטראפען, געפינט ער דעם ארט. מען טאר ניט רעדען. איך בין א פראסטער מענש; א מילנער. נאר דאך חיים איך... איך זעה, אז דער וואס אין הימעל שיקט זיין ווינד וואס א מאל פון אנ׳אנדער זייט... איך? א הילען?...

פעסיל.

א מאמע׳ס הארץ איז אין הילע וואנדען. וואס האב איך געקאנט טאן?

פייע.

איצטער איז דאך אלץ קלאר; אלץ אויף דער האנד.

פעסיל.

ס׳איז נאך גאר ניט בעוואוסט. אמאל קאן איך שטעלען א נפש אין קאן.

חנה׳לע.

ער קאן נאך, חלילה, שטארבען. איך וויל ניט, ער זאל צוליעב מיר שטארבען.

שטיל.

אלע קוקען פערוואונדערט צו חנה׳לען.

פײַע.

נאַריש קינד, אַ מענש שטאַרבט פֿאַר זײַנע אײגענע חטאים— אַזוי איז עס געשריבען. ס'איז אמת. אַ בת־יהודה—גאָט אַלײן איז פֿאַר דעם מוחל.

פעסיל.

איך שװײַג גאָר. אַ צופּלאָגטע מאַמע בין איך. חלילה אײן האָר אויף מײַן קינד זאָל פֿאַלען—װאָס איז מײַן לעבען?
שטיל.

העגאַך קוקט אין פֿענסטער.

הנה'לע.

אימיצער געהט?

העגאַך.

איך קוק, פֿון װאָס פֿאַר אַ זײַט דער װינד פֿערנעהמט זיך.

פײַע.

טאָ הערט זשע אויס: איך גײה איצטער פֿון רבֿ, גײה איך. איך האָב דערצעהלט װי דער אמת, האָב איך. העגאַך דעם מיל־נערס טאָכטער איז פֿערקנס'ט געװאָרען פֿאַר גבריאלס זוהן. און ס'איז שוין באַלד אַ יאָהר, אַז ער קרענקט—אויף װיסטע פֿעלדער זאָל אויסגעהן, װאָס פֿון איהם איז געװאָרען. הנה'לע, זאָג איך, איז אַ יונג קינד. טאַטע־מאַמע װילען פֿון איהר נחת האָבען. אַ יאָהר צײַט—װיפֿיעל איז דער שיעור? רבי, זאָג איך, איהר דאַרפֿט און איהר מוזט דעם קנופּ לײז מאַכען...

פעסיל װישט די אויגען.

העגאַך.

װאָס האָט ער, זאָל לעבען, געזאָגט?

פײַע.

זי אַלײן, זאָגט ער, זאָל געהן צו איהם, מיט איהר אײגען מויל בעטען, ער זאָל זי פֿרײַ לאָזען.
שטיל.

הנה'לע.

איך װיל גאָר ניט. איך האָב מורא.

פעסיל.

וועסט עס טאָן, מיין קינד?

הנה׳לע ענטפערט ניט.

הענאַך.

די מאַמע פרעגט דאָך עפּיס ביי דיר!

פייע.

די גאַנצע שטאָדט פערגיסט טרערען. אַלע בעטען ביי גאָט, ער זאָל מוחל זיין.

הענאַך.

איך בין אַ פּראָסטער יוד. אויב דער רבי אַליין האָט מיט זיין מויל געהייסען — פאָלג איך.

פייע.

אַליין פון זיין כשר מויל געהערט.

פעסיל.

מיט טרערען.

מיין האַרץ ווערט מיר צופלאָגט פאַר וועהטאָג און שרעק. (גלעט הנה׳לען) הער זיך גוט איין. איך וועל דיך לערנען, ווי דו זאָלסט רעדען.

פייע.

דאָס גלייכסטע, דאָס גלייכסטע!

הנה׳לע.

אוי, מאַמעלע, כ׳וועל ניט קאָנען, כ׳וועל ניט קאָנען!

פעסיל.

זאָלסט ווײנען פאַר איהם. זאָלסט איהם זאָגען, וועסט פאַר איהם גאָט בעטען.

הנה׳לע.

אוי, מאַמעלע, כ׳וועל עס ניט קאָנען. ער האָט דאָך מיך אַזוי ליעב געהאַט... ווייסט ניט, מאַמעלע, ווי ער האָט אי־בער מיר געוויינט, יום־טוב, אז איך בין געוועזען ביי איהם.

פײַע.

אַהינע ווערטער טאָר אַ יודיש קינד פאַר׳ן מויל ניט אַרויסברענגען.

הנה׳לע ווישט די טרערען.

העניאַך.

שעם זיך, טוסט דעם טאַטען הרפּות אָן.

פײַע.

„הנה׳לע״ אַנדערש רופט מען די ניט אין גאַנצען שטאָדט. די גאַנצע שטאָדט וועט פאַר דיר גאָט בעטען, זאָלסט, חלילה, נישט בעשטראָפט ווערען.

העניאַך.

קושט הנה׳לען. רעדט ווייך.

פאָלג דײַן טאַטען. אַז אַ טאַטע זאָגט, מסתמא ווייס ער. איך אַליין געה מיט דיר, ער וועט דיר מוזען מוחל זײַן. איך וועל פאַר דיר רעדען. זאָלסט נאָר זאָגען: טאַטע, מאַמע פאָלג איך.

הנה׳לע.

ווײַנענדיג.

גוט מיט מיר, וואָס איהר ווילט.

פײַע.

מײַן טאַטע, דער צדיק, וואָלט לעבען, כ׳וואָלט גאָר צום רב ניט געגאַנגען.

העניאַך.

ניין. צו אַ רב געהן בעדאַרף מען. אַ רב טראָגט אַ גאַנצע שטאָדט אויף זײַנע פּלייצעס... הנה׳לע, נאָך הײַנט וויל איך, זאָלסטו מיט מיר געהן.

פײַע.

הײַנט, הײַנט וועט מען נאָך טעלער ברעכען! איך בין גרייט. מײַן זוהן איז מסכים...

שטיל.

פעסיל.

די טראגט ארויס פון צווייטען צימער א בארג נייע קליידער.

אלין פארטיג, אלין גרייט, וועה דער מאמען. געמיינט, אין זייד, אין סאמעט מיין קינד איינהילען, צו דער חופה עס פיהרען. (לעגט די קליידער אויפ'ן טיש) וועה צו דער מאמעס יאהרען. אט אזוי האט זיך געוואלט מיין הארץ פרעהען, ווען כ'האב רחל'ן פער־קנס'ט.

חנה'לע.

די ווארפט זיך דער מוטער אויפ'ן האלז.

אוי, מאמעלע, וואלסט וויסען, ווי עס שרעקט מיך!... וואלסט וויסען, ווי עס קלאפט מיר דאס הארץ. ווי זאל איך אליינע הער־טער זאגען?... ער האט די אלע קליידער געזעהן. איך האב איהם דערצעהלט, אין וואס פאר א קלייד מען וועט מיך צו דער חופה פיהרען.

פייע.

חופה־קליידער ליגען אויפ'ן טיש און איהר פילט אייער שטוב מיט טרויער אן — איך וויסטע פעלדער זאל עס אויסגעהן!

הענאך.

ס'איז מיין קינד, מיין בלוט, איך האב רשות.

פייע.

איך בין אויך א מאמע פון א קינד.

חנה'לע.

קום איך צו איהם... אז איך קען ניט רעדען. מאמעלע, אפשר וועט ער צוריק געזונד ווערען און איך וועל איהם ווידער ליעב האבען פונקט ווי דו, מאמעלע, האסט איהם ליעב געהאט.

פעסיל.

איך האב איהם ליעב געהאט, מיין קינד. ער איז ביי מיר אנשאויג אין קאפ געזעסען. דו ביזט אבער מיין גאנץ לעבען. הלילה, עפיס אויף דיר — איז שוין דיין מאמע אויף דער וועלט ניטא. קום מיט מיר, מיין קינד, ביידע וועלען מיר געהן. מיט טרערען וועלען מיר איהם בעטען ער זאל אונז מוחל זיין... זאל ער אונז

בּיידען אָנקוקען און זעהן ווי גרויס איז מיין פּיין. זאָל ער דעם תּקיעת־כּף מוחל זיין... וועסט געהן? יאָ?

הענאָך.

דער טאַטע איז מסכּים, זי וועט געהן.

פּייע.

אַלע מסכּים... צינדט נאָך ליכט אָן, ליכטיג זאָל זיין...
אַלע מסכּים! איהר געהט און איך וועל דאָ בּלייבּען וואַרטען בּיז איהר וועט צוריק קומען מיט אַ פרעהליך האַרץ.

הנה׳לע.

(זי פערדעקט איהר קאָפּ אויף דער מוטער׳ס אַקסעל. וויינט.)

אוי, מאַמעלע, מאַמעלע, ווי עס שרעקט מיך מיין האַרץ...

צווייטער אקט.

בײַ העניעך'ן.

אין שטוב איז האלב־פינסטער. אויפ'ן קאמין דערברענען שטיקלעך קין. א צײַט איז אין שטוב קיינער ניטא. ס'הערט זיך נאר דאס קנאקען פון די גלימענדע העלצלעך. אונטער'ן פענסטער רײַסט דער ווינד און וויינט זיך פונאנדער פון צײַט צו צײַט. אויפ'ן טיש ליגען די חופה־קליידער.

העניאך.

ער קומט אַרײַן פון דער גאס. זײַן געזיכט דריקט אויס אומרוהיגקײַט. ער לעגט צו שטיקלעך קין צום פײַער. ס'ווערט ליכטיגער. דער ווינד שטאַרקט זיך. ער געהט צום פענסטער און קוקט אין דער פינסטערער נאכט אַרײַן, רעדט צו זיך אַליין, דריקענדיג דעם שטערען מיט ביידע הענד.

כ'האָב עס ניט געדאַרפט. כ'האָב עס ניט געטאָרט. צי איז עס מיר ניט קײַן בעווייז? ס'וועט נאָך מיר דעם מיל אונטער'ן באַרג פערטראָגען!

דער ווינד פערגעהט זיך אונטער'ן פענסטער, ער אײַלט אויף דער גאס אַרום, שטיל.

פעסיל און הנה'לע קומען אַרײַן. הנה'לעס אויסזעהן איז פערענדערט פאר שרעק.

פעסיל.

ס'אַ קללה, ס'אַ קללה! פאַר וועמעס מעשים? פאַר וועמעס חטאים?

הנה'לע.

בעהאַלט מײַנע קליידער. כ'האָב מורא צו קוקען אויף זיי.

פעסיל.

זי טראָגט די קליידער אין צווייטען צימער אריין.

מיין בלום, מיין הארץ. גאָט אין הימעל, וואָס איז געשעהן? וואָס איז געשעהן...

קערט זיך צוריק.

הנה'לע.

מיר איז קאַלט, מאַמע.

פעסיל.

קושט הנה'לען.

מיין וועהטאָג און מיין פיין וואָלען זיך אין איין גרויסע תפלה פאַר דעם וואָס אין הימעל אויסגיסען.

זי דעקט איהר איין מיט א טוך.

הנה'לע זיצט ביים טיש אָהן ווערטער. איהר בליק בלאָנדושעט אום צושראָקען.

פעסיל.

ס'האָט זיך דער שטורם אויף אויף מיין קאָפּ אַראָבגעלאָזען. (קוקט אין פענסטער) אַזאַ בייזע נאַכט.. אַליין אין מיל. ווי וועט ער עס זיך קאָנען אַליין אַנעצה געבען... ס'טראָגט דעם מיל גאָר אָהן רחמנות. לאָמיר געהן צום טאַטען גיכער ווערען.

הנה'לע ענטפערט ניט.

פעסיל.

מיין קינד, גאָט וועט אונז מוחל זיין.

הנה'לע.

קינדיש.

הער, ווי דער ווינד פייפט. הערסט, ווי ער וויינט?... דאָס וויינט ער.

פעסיל.

מיין קינד, מיר וועלען נאָך מאָרגען אַלע געהן. אינאיינעם וויינען דאָרט.

שטיל.

הנה'לע.

דער ווינד רעדט ווערטער. איפ'ן וועג האָב איך געהערט מיין ווינד — „הנה'לע, הנה'לע"... אָט הער זיך איין.

פעסיל.

נאָר דײַן מאַמען װעט גאָט בעשטראָפען, נאָר דײַן מאַמען...

העניאַך.

לױפט אַרײַן.

איהר זענט דאָ? גיכער העלפט מיר, אונגליקליך זענען מיר! ער װעט דעם מיל צוטראָגען אױף שפּענער.

פעסיל.

ברעכט אױס מיט געװײן.

נאָך אַלעמען, העניאַך, נאָך אַלעמען.

העניאַך.

מיר װערען די האָר, װי שפּילקעס אױפ׳ן קאָפּ... קומט מיט מיר אױף דער גאַס!

ער לױפט אַרױס.

פעסיל.

ברעכט די הענד.

צום טאַטען קום, מײַן קינד. װינדען, שטורעמס — אַלץ אױף מיר... אַלץ אױף מיר...

הנה׳לע.

כ׳װעל אױף דער גאַס ניט געהן. מאַמע, לאָז מיר ניט אַלײן!

פעסיל.

ער װײס נאָך גאָר ניט. ער װײס גאָר ניט. װי זאָגט מען עס איהם אָן אַזאַ קלאָג?

הנה׳לע.

אױב כ׳װעל אַלײן ניט געהן... ער װעט מיך פון שטוב אַרױסשלעפּען, מיט געװאַלד פאַר די האָר װעט ער מיך שלעפּען... „מיט מיר קום", ט׳ער שרײַען...

פעסיל.

לױפט אום איבער׳ן שטוב האָפנונג־לאָז. קוקט אין פענסטער.

פּאַמעלעך... פּאַמעלעך... װאָס אין הימעל ערבאַרעמט...

ער האַלט איין. געלויבט ביזטו, גאָט! ער וועט דאָרט אָהן כּחות בלייבען. ער וועט די נשמה לאָזען. געלויבט ביזטו, גאָט...

זי קוקט אָנגעשטרענגט אין פענסטער.

הנה׳לע.

זאָג מיר, מאַמע, פאַרוואָס האָבען זיי מיך אַרויסגעטריבען פֿון שטוב? כ׳האָב געוואָלט איהם זעהן, בעטען... זאָג, הייסט אַלין...

פעסיל.

ער האָט איהם איינגעהאַלטען! ער פֿערבינדט מיט קייטען די פליגעל... געלויבט ביזטו, גאָט... געלויבט ביזטו, גאָט!

הנה׳לע.

איך האָב געוואָלט שרייען: „דודיל, כ׳בין דיינע“ און זיי האָבען מיך פֿון שטוב אַרויסגעטריבען. זאָג, וואָס זענען ליכט אָנגעצינדענע געשטאַנען אויף דער ערד?... מאַמע, דערצעהל מיר.

פעסיל.

זי טרעט אָב פון פענסטער. ס׳איז צו מערקען, אז זי האָט נאָר ניט געהערט, וואָס הנה׳לע האָט גערעדט.

וואָס ציטערסטו אַזוי פֿון קעלט? גאָט האָט רחמנות געהאָט. אַלץ אויף מיר וואַרף אַרויף. אויף דער מאַמען...

העניאָך.

ער קומט אַריין בלאַס, צושראָקען. אָטעמט שווער, ווי נאָך אַ גרויסע מלחמה.

דערצעהלט, וואָס איז געשעהן? ווי האַלט?

פעסיל.

זעץ זיך, האָסט די כּחות פֿערלאָרען.

העניאָך.

דאָס איז ניט קיין ווינד געוועזען. ניין, ס׳איז ניט קיין ווינד געוועזען. ס׳האָט די פינגער אין ראָד געבראָכען. ס׳האָט די ווענד געריסען. ניין, נישט געריסען — נאָר ווי אַ וואָלף געוויינט... האָט גערעדט. כ׳האָב די לעכער אין אַלע ווענד פֿערשטעקט און ס׳האָט צוריק דורכגעריסען פֿון אַלע זייטען... צום ערשטען מאָל טרעפט עס. כ׳האָב געפּרובט די פליגעל אָן אַ זייט אָבדרעהען — ס׳האָט נישט געדאָלפען. ער איז וואָס אַמאָל פֿון אַנאַנדער הינקעל פֿערלאָפען...

פעסיל.

קוקט הענאַך אין פּנים אַריין. ווישט איהם דעם שווייס פון שטערן.

אַ קאַלטער שווייס אויף'ן שטערן אַרויסגעטראָטען...

הענאַך.

האַי זענט איהר געווען? און וואָס איז געשעהן?

פעסיל.

ווען איז פייגע אַוועק?

הענאַך.

ס'האָט גענומען רייסען דער ווינד, איז זי אַוועק אין שטאָדט אַריין. ס'האָט איהר פון אָרט אַ ריס געטאָן, איז זי אַוועק... (שטעהט פערטראַכט. זיי קוקען איהם אָן) דאָס האַרץ זאָגט מיר עפּיס. אַז דאָס האַרץ זאָגט, דאַרף מען וויסען וואָס צו טאָן... האָט איהר גוט אָנגעקוקט? איז עס אויף געוויס פייגע געווען?... דאָס איז פייגע געווען?...

אַ טויטע שטילקייט.

הענאַך.

הנה'לע, וואָס ריצטו אַזוי?... העכער רעד. זאָגט מיר... ס'שפּרינגט מיר דאָס האַרץ אַרויס פאַר שרעק. זאָגט מיר...

פעסיל.

פרעג ניט, פרעג ניט. לאָמיר צו גאָט תפלה טאָן. זאָג דעם טאַטענס תהלים — זאָג, זאָג. הענאַך, מיר זענען ניט אַליין.

הענאַך.

קוקט אין פענסטער.

פינסטער, מוראדיג פינסטער! (פּלוצלונג, ווי ער וואָלט זיך אָן עפּיס דערמאָנען, הויך) דערציילט, וואָס איז געשעהן?! (קוקט צו חנה'לען) זעה, איך דערקען איהר דאָך נישט!

פעסיל.

ס'איז שלעכט, הענאַך. שלעכט. אַ מוראדיגען ווינד בענקענ־גען... אַ מוראדיגען ווינד.

הנה'לע.

עֶר האָט אונז ניט מוחל געווען.

שטיל.

העניך.

און עֶר וועט מאָנען זײַנס! עֶר מאָנט זײַנס. (ער כאַפּט זיך בײַ'ן קאָפּ) שלעכט; אין מיל, אַנטקעגען מײַנע פֿענסטער, האָט ער זיך פֿערקליבען... עֶר האָט מיר דעם מיל געוואָלט פֿערטראָגען... פֿון מיל האָט עֶר אָנגעהויבען... צום רבֿ! לאָמיר אַלע אין שטאָדט אַרײַנגעהן — אַלע!

בלײַבט שטעהן צושטריִט.

פּעסיל געהט צו נאָהנט צו העניך'ן, קוקט איהם צושראָקען אָן.

הנה'לע.

קוקט איהם אָן פֿערוואונדערט.

טאַטע! דײַן קאָפּ... דײַן באָרד... ווײַס געוואָרען...

דריטער אקט.

פארנאכט. אויף דער גאס. רעכטס זעהט זיך הענאך'ס שטוב מיט א שטרויענעם דאך. פאר'ן שטוב—א פריזבע צום זיצען. א ברונעם. אין דעם הינטערגרונד א ווינד-מיהל אויף א בערגיל. ניט ווייט פון מיהל א זעמדיגער וועג. הענאך זיצט אויפ'ן פריזבע, אויף די קניע ביי איהם זיצט הנה'לע.

הענאך.

מען וואלט עס קאנען מיט א פוהר פערפאהרען אין וואלד ארייַן, צוזאמענגעהמען די אנגעבראכענע צווייַגען. דער ווינד האט גענוג אנגעדרעהט. (קוקט צום הימעל) און ס'בעווייזט זיך אויף שטורם. שטיל.

הנה'לע.

אזוי לאנג די מאמע ניטא, ס'ווערט שוין באלד נאכט.

הענאך.

בערג טראגט איבער דייַן מאמען יעדען טאג פון ים צו ים.

הנה'לע.

אלע נאכט פאר'ן שלאפען געהן, זאלסטו די פליגעל גוט מיט קייטען איינבינדען.

הענאך.

יא, ווען ס'וואלט העלפען!

שטיל.

הנה'לע.

ווי דאכסטו עס געקאנט אליין איינזיין אין מיל?

הענאך.

דייַן טאטע וויל ניט מיט דער טארבע אוועקגעהן. (קוקט צום

הימעל, ברומט שטיל) אויפ׳ן הימעל א רעגענבויגען... אויף דער ערד א שטורם.

חנה׳לע.

פארוואס איז צו דער לויה פייע ניט געקומען? פארוואס איז זי ניט געגאנגען?

העניך שווייגט. ער לאזט אראב דעם קאפ. חנה׳לע קוקט איהם אן. מיט׳ן אויג בעווייזט זיך אנ׳ארימאן. טראגט א גרויסען פאק אויף די פלייצעס. ביים ווייט א טארבע, אין האנד א לאנגער שטעקען. ער פערנעהמט זיך צום שטוב. העניך און חנה׳לע מערקען איהם ניט.

ארימאן.

נעהט צו נאר נאהנט.

א גוטער אבענד!

העניך און חנה׳לע ערוואכען זיך האלב דערשראקען. חנה׳לע זעצט זיך בעזונדער.

העניך.

ער קומט צו זיך.

שלום עליכם! פון וואנען קומט א יוד?

ארימאן.

עליכם שלום! די נאכט האט מיך פערכאפט. ס׳װילט זיך אויסרוהען.

ער נעהמט אראב דעם פעקיל פון פלייצע.

העניך.

פון ווייט?

ארימאן.

גאר ווייניג הייגט דורכגעמאכט, א וויארסט אכט פון דאנען איגגאנצען גענעכטיגט.

העניך.

אינגאנצען א וויארסט אכט פון דאנען?

ארימאן

זעצט זיך.

עך, די פיס פאלגען נישט. כ׳פלעג אין די גוטע יאהרען

תקיעת־כף.

א שפריַז טאָן — מיט פּעֶרד נישט געתען צו דעֶריאָגעֶן.

הענאך.

זיפצט אָב.

אָט דאָס איז די מעשה... און אַלט וועֶרט מעֶן אַ מאָל אין איין נאַכט.

אָרימאַן.

קוקט אָן חנוהלען.

אַ טאָכטער, מסתמא?

הענאך.

אַ בת יחידה.

אָרימאַן.

מהוּם.....

שטיל.

הענאך.

איז אין יענע געגענדען, כ׳מיין פון וואַנען איהר געהט... האָט זיך דאָרט גאָרנישט געהערט?

אָרימאַן.

שׂרפות, מיינט איהר, וואָס?

הענאך.

אַזוי מיין איך... ס׳הערט זיך גאָרנישט... אַ ווינד האָט געמוזט זיין אַ גרויסער?

אָרימאַן.

האַ, האַ! דאָס מיינט איהר? יאָ, אַ שטאַרקער ווינד געֶ־וועֶן. ס׳האָט דעֶכער געריסען, די שטרוי פון די שייערען, עס וואו פערטראָגען.

שטיל.

הענאך.

בעוויזט צום טיש.

אָט שטעהט דער בעל־מפרנס מיינער. ס׳האָט אַ בארג. איש געקאָנט וועֶרען פון איהם. גאָט׳ס חסד איז ביי געשטאַנען.

חנה׳לע.

דער טאטע האט איהם אליין פערדאלטען.

אָרימאַן.

קריגט מען ביי אייך א בימעל וואסער, די הענד צו וואשען? כ׳האב נאך קיין מנחה נישט געראווענט.

העניאך.

גיה, ברענג ארויס, מיין קינד, א קענדיל וואסער.

חנה׳לע לויפט אין שטוב אריין.

אָרימאַן.

א שידוך וואלט ניט שאדען צו טאן, נחת האבען.

העניאך קוקט אן דעם ארימאן מיט חשד.

אָרימאַן.

אין וועג איז אין אלע פיער זייטען מזרח. צום גלענדען אין וועג לוגט גאט ארויס פון אלע זייטען.

העניאך.

אך, ווי ס׳איז אמת! ווי ס׳איז אמת! מען זינדיגט אמאל מיט׳ן מויל, מיט שלעכטע מעשים... איך בין א פראסטער מענש; גאר א פראסטער — נאר פאר איין מאל האט מען מיר די אויגען געעפענט. (בעווייזט זיינע גרויע האר אין באָרד) איהר זעהט? אט דאס איז פאר איין נאכט...

חנה׳לע.

טראגט ארויס וואסער.

איך קאן אנשעפען פרישע וואסער, אויב איהר ווילט.

אָרימאַן.

ס׳גוט, ס׳גוט אזוי, שעהנע טאכטער.

העניאך.

איהר פערשטעהט, רב יוד, אז א שטורם רייסט זיך אויס, איז נאָרנישט צו מאכען: קערט ער איבער מערב צו מזרח, מזרח צו מערב.

אָרימאַן.

אָך, מגוזה, מגוזה׳...

ער וואַשט די הענד.

חנה׳לע.

אין דער זייט צו העניאַדין.

וועסט בעטען דעם יודען, ער זאָל ביי אונז נעכטיגען.

העניאָך.

איהר וועט קאָנען איבערנעכטיגען ביי אונז, אויב איהר וועט וועלען.

אָרימאַן.

יאָ, ס׳איז וואויל, ס׳איז וואויל.

פעסיל.

קומט אָן מיטין וועג, טראָגט אַ זעקיל אויפ׳ן פּלייצע. זי מערקט דעם פרעמ־דען, איהר געזיכט דריקט אויס וואונדער און פרייד צוזאמען. וואַרפט אַראָב דעם זעקיל.

גאָט, האָסט אָנגענומען מיינע תּפלות!

חנה׳לע.

קושט דער מוטער.

מאַמעלע, ביזט אַזוי פריילעך, אַזוי פריילעך!...

העניאָך קוקט זיי אָן פערוואונדערט.

פעסיל.

כ׳האָב נעבען מיינע פענסטער דעם ציגעלע געפונען. גאָט זאָגט: ס׳איז צייט!... ווער האָט אייך, ליעבער יוד, געשיקט צו מיר?...

אָרימאַן.

די נאַכט האָט מיר בעפוילען. אַמאָל, אין די יונגערע יאָה־רען, אַז ס׳פלעגט זיך ניט מאַכען אָנטקעגען נאַכט אַ שטוב מיט אַ מזוזה, פלעג איך אין פעלד הינטער׳ן דאָרף אויסרוהען, אָדער אין וואַלד ערגיץ אונטער אַ בוים. היינט מוז איך מיין עלטער אָנפרעגען.

פעסיל.

גאָט האָט אייך צו מיר געשיקט! מיין שטוב איז פאַר אייך

אָפֿען. מײַן כּלה, מײַן װאַלט איז פֿאַר אײך געגרײט. הענאַך:
נאָך הײַנט װעל איך שיקען אין די נאָהנטע דערפֿער, אױפֿנאַ־
פֿען אַלע אורחים, װאָלען זײ קומען צו מיר. גלײַך מיט דער זון
װעל איך אױפֿשטעהן און פֿאַר זײער געזונד בעטען.

אָרימאַן.

יאָ, הכנסת אורחים, הכנסת אורחים מאַכט עלענדע פֿאַר אומ־
עלענד...

הענאַך.

איבערראַשט.

װער האָט עס דיר אַזױנע הײליגע װערטער אונטער דער
צונג געלעגט?

אָרימאַן.

איך בין שױן נישט מיר, שױן נישט מיר.

הענאַך.

ס'האַרץ װאַקסט אין מיר פֿאַר שמחה, כ'װיל װיסען דעם װאוג־
דער. דײַן פּנים איז אױס'סנײַ געװאָרען געװאָרען. זיבען בענש־
ליכט האָבען זיך אין דײַנע אױגען צופֿלאַקערט...

פּעסיל.

דען אַזױ האָט ער געהײסען: יעדען אורח אױף נאַכט־לעגער
פֿערהאַלטען. מיט מײַן ברױט און װאַלט איהם זאַט מאַכען. פֿאַר
יעדען אורח מײַן ביטער האַרץ אױסגיסען, דערצעהלען דאָס אומ־
גליק און זאָל יעדער אורח בעזונדער פֿאַר אײער שטוב און הױז־
געזינד גאָט בעטען! (האַלט הנה'לען) הנה'לע מײַן ליכט, מײַן לע־
בען! פֿאַר דיר זאָל די גאַנצע װעלט גאָט בעטען...
הנה'לע קלעבט זיך צו דער מוטער. קוקט איהר פֿערװאונדערט אין די אױגען.

הענאַך.

בלאַס.

נאָר מיט שׂכל. מײַן קינד, נאָר מיט שׂכל. ס'האַרץ קאָן אַרױס־
שפּרינגען פֿון איהר שײד. טרױער איבער דער מאָס קאָן יעדע
בעשעפֿניש איבערטראָגען. נאָר איבער דער מאָס שמחה, מײַן קינד,
איז ניט אַזױ גרינג צו בענעהמען.

אריִמאַן.

(בטנערייג.)

דערצעהלט, וואָס איז געשעהן?

פעסיל.

יעדען טאָג הערט די מאַמע איהרע ליידען אויסדערצעהלען און בארימהערציגע מענשען הערען פאַר איהר אין הימעל בעטען. פערשטיינערט איז מיין הארץ געווען, מיט שטומע אויגען האָב איך געקוקט אַרום מיין שטוב. כ'האָב געוואַכט ביי טאָג, כ'האָב געוואַכט ביי נאַכט אַרום מיין קינד. כ'האָב צו מזרח, מערב, צפון, דרום מיינע אויגען געווענדעט, פון וואַנען זאָל מיין הילף קומען?.. היינט האָב איך דעם ערשטען ציילען געהאַט — דער מאַמעס טרערען איז פאַרן כסא הכבוד פערגאָסען געוואָרען.

אָריִמאַן.

פרומעס, גאָט'ס־פאָרכטיגעס קינד, וואָס איז דער מער?

העניאך.

אין גאָטעס ווילען, וואָס איז געשעהן? וועה, דאָס הארץ זאָל עס איבערטראָגען. נאָך אַמאָל גראָה ווערען וועל איך שוין ניט קאָנען...

פעסיל.

אויף מיין שטוב איז אַקללה געלעגען, פאַר מיינע זינד. פאַר מיינע חטאים... ביז איער קומען האָט זי נאָך אונטער מיין פענסטער געלויערט.

אָריִמאַן.

(האלב צושראָקען.)

וואָס איז דער מער?

פעסיל.

אַ פערשאָלטענע אשה בין איך געווען. צעהן יאָהר האָב איך מיט מיין בעשערטען געלעבט, און דער וואָס אין הימעל האָט מיר מיט קיין איינציג קינד ניט געוואָלט אויפריכטען. אויפ'ן עלפטען יאָהר זענען מיינע תפלות אָנגענומען געוואָרען און כ'האָב אַטאָכטער געבאָרען. ס'האָט זיך זיין חסד ווידער דערבאַרימט און האָט מיר נאָך אַטאָכטער געגעבען. מיין בעכער איז מיר מיט איין מאָל

פֿיל געװאָרען. דאָס גליק האָט זיך מיר איבער די ברעגען גע־גאָסען. פֿרײַטאָג האָב איך בײַם ארון קדש ליכט געצונדען און בײַ נאַכט האָב איך געקוקט מיט פּאַרכט, אין דער שטיל, װי עס לײַכט דער מזל מײַנער. איך האָב גאָט'ס שול בעלויכטען און ער האָט מײַן שטוב געבענטשט...

הענאַך.

ס'איז אמת, ס'איז אמת... װי זײַן נאָמען.

פּעסיל.

װי זאָגען אין פֿעלד זאָגען זײ בײַ מיר געװאַקסען. איך האָב מיר בעפּאַרכטען זײער נאָמען אָנצורופֿען. זאָל איבעריג זײַער נאָמען, חלילה, בײַ דעם װאָס אין הימעל נים װערען. רחל'ע די עלטסטע האָט װי די ליכטיגע זון געשײַנט. פֿון איהר איז אונזער שטוב שטענדיג פֿיל געװען מיט געזאַנג. װען זי איז נאָך אַ קינד געװען איז זי שױן אין שול אַרײַנגעלאָפֿען איהר ליכטעלע אָנצינדען. נאָר מעהר האָט זײַן נאָמען נים געװאָלט... כ'האָב איהר מיט אַ חתן, אַ גאָט'ס־פֿאַרכטיגען פֿער'קנס'ט. און װען די צײַט איז געקומען איהר די חופּה־קלײדער צו נײען — איז שױן פֿערקערט געװען מײַן פֿרײד צו לײד. (דריקט צו זיך הנה'לען) איז מיר דאָס מײַן גאַנצע לעבען פֿער־בליבען. מײַן טרײסט, מײַן נשמה. כ'האָב איהר מיט אַ חתן פֿער־קנס'ט, איז ער אין אַ פֿינסטערע קרענק אַרײַנגעפֿאַלען. אַ יאָהר צײַט האָט עס געדױערט. זײַן גוף איז אינגאַנצען געװאָרען װי אַ צױם־שטעקיל אױסגעטריקענט... מיר האָבען געװײנט ער זאָל אונז דעם תקיעת־כּף מוחל זײַן — ער האָט נים געענטפֿערט.

אָרימאַן.

און װאָס װײַטער?

הענאַך.

דעם תקיעת־כּף געבראָכען.

אָרימאַן.

און איצטער?

פּעסיל.

און איצטער... און איצטער... שױן נאָך דער לויה. ער קומט אַלײן מאָנען זײַנס.

שטיל. אַלע אין פֿערצװײפֿלונג.

אָרימאַן.

ס'איז גאָר נישט קיין היימליכע זאַך. רחמים, אַ ים רחמים בע־דאַרף מען.

פּעסיל.

ניין. דאָס געבעט פון אַ פולע וועלט אָנגענומען. אַזוי האָט ער מיט זיין כשר מויל געזאָגט. איך זאָל אורחים זוכען. מיין שטוב זאָל אַ נעסט פאַר אורחים ווערען. איך וועל זיי די פיס וואַשען און ס'וואַסער טרינקען... (זי נעהמט דעם אָרימאַנ'ס פּעקלעך) צו מיר אין מיין שטוב אַריין!...

הנהלה העלפט מיט.

אָרימאַן.

פערטראַכט.

אַסך רחמים, אַסך רחמים...

געהט אין שטוב.

הענאָך.

טרייסעלט זיך פון די פיס.

איך בין רגיעט, איך בין גרייט...

פֿיערטער אַקט.

בײ טאָג. בײ הענאָך׳ן אין שטוב.

אָרימאַן.

שטעהט אין מיטען שטוב, טאָרבע און פּאַק אויף זיך, גרייט צום אװעקגעהן.

אַלע ברכות זאָלען אויף אײער קאָפּ רוהען.

הנה׳לע.

אַז איהר װעט טרעפען נאָך אָרימעלײט, שיקט זײ צו אונז.

פעסיל.

שטופּט איהם עפּיס אין טאָרבע אַרײן.

אָט דאָס װעט איהר האָבען אויפ׳ן װעג, ביז איהר װעט אין אַ דאָרף אַרײנקומען.

אָרימאַן.

אַ גוט יאָהר אויף אײך, אַ גוט מזל אויף אײך!

פעסיל.

שטעהט, שטעהט, איך האָב נאָך עפּיס פֿאַר אײך.

אײלט אין צװײטען צימער אַרײן.

אָרימאַן.

אַברהם אָבינו׳ס שטוב, פֿון אַלע פֿיער זײטען אָפען די טירען פֿאַר אורחים.

פעסיל.

ברענגט עפּיס אײנגעװיקעלט, לעגט איהם אין טאָרבע אַרײן.

אָט דאָס װעט איהר ברענגען פֿאַר אײערע קינדערלעך.

אָרימאַן.

אַברהם אָבינו׳ס שטוב, אַברהם אָבינו׳ס שטוב... װי קאָן עס

גאָר דער וואָס געוועלטיגט איבער אַלץ זיין האַנד אויף אַזאַ שטוב הויבען?

פעסיל.

פון אַלע עקען שיקט אורחים צו אונז. מיין שטוב איז פריי פאַר אַלעמען. איך, מיין מאַן מיט מיין קינד וועלען אַלעמען בע־דינען.

אָרימאַן.

הייליג, הייליג! (צום מיר געהענדיג) אַזוינע מעשים הערען נישט פערפאַלען, ניין, ניין, קיין מאָל נישט, קיין מאָל נישט... זייט געזונד, זייט געזונד...

געהט אַרויס.

פעסיל און הנה׳לע קוקען איהם נאָך אין פענסטער.

פעסיל.

איצטער, מיין קינד, וועלען מיר זיך נעהמען פאַר אונזערס.

הנה׳לע.

איך וועל איהם אַזוי לאַנג נאָכקוקען ביז כ׳וועל איהם שוין מעהר ניט זעהן.

פעסיל שטעהט פערלעגנט די הענד. קוקט אויף הנה׳לען פערזאָרגט, שאָ־קעלט מיט׳ן קאָפּ.

הנה׳לע.

אָבגעהענדיג פון פענסטער.

ער איז שוין ניטאָ. מיר זענען ווידער אַליין. וואָס קוקסטו מיר אַזוי אָן, מאַמעלע, פערדאגה׳ט?

פעסיל.

ערוואַכענד.

לאָמיר זיך נעהמען פאַר אונזערס.... מיר וועלען נאָך האָ־רען מיט וואָס דער טאַטע וועט קומען פון שטאָדט... נו, מיין קינד.

הנה׳לע.

איך וועל עס גאָר ניט קאָנען, מאַמעלע.

פעסיל.

דער וואַקס איז ווייך און ריין.

הנה׳לע.

טאָמיר וועלען היינט קיין אַרימעלייט אויף נאַכט צו אונז ניט קומען?

פעסיל.

לייגט אויפ׳ן טיש וואַקס און קנייטען באַוועל.

איך וועל דיר צו זיך נעהמען. וועסט זיך צו מיין האַלז צוקניפען. איך וועל די גאַנצע נאַכט וואַכען איבער דיר.

צוטשניידט די קנייטען.

הנה׳לע.

מיר וועלען ביידע וואַך זיין. מיר וועלען אַלע וואַך זיין.

שטיל.

פעסיל.

די ליכט וועלגערנדיג.

ניין מאָל האָב איך געמאָסטען רחל׳עס קבר און איין מאָל דעם גאַנצען בית-עולם געמאָסטען. נאָ דיר, מיין קינד, אַ קנייטעלע און זאָג: די נשמה פון מיין שוועסטער רחל׳ע זאָל פאַר מיר ביי-שטעהן אויף מיר און אויף מיין חתן זאָל קיין פלאָג ניט פאַלען.

הנה׳לע.

אוי, מאַמעלע, רעד עס ניט. מיר ווערט אַזוי אומעדיג.

פעסיל.

אָט, די ליכט איז שוין באַלד פאַרטיג. וועלגער זי און זאָג: די נשמה פון מיין שוועסטער רחל׳ע זאָל פאַר מיר און מיין חתן גאָט בעטען.

הנה׳לע.

אוי, מאַמעלע, רעד עס ניט.... מיר קלאַפט אַזוי דאָס האַרץ... איך וועל די ליכטעלעך וועלגערען פון ריינעם וואַקס און פיוועל, מאַמעלע, אַזוי זאָגען: שוועסטערל מיינע, שוועסטערל ליעבע, די וועלט איז אַזוי שען, דאָס לעבען — אַזוי גוט — איך וויל דאָס לע-בען האָבען און וועל צו דער חופה ניט געהן...

פעסיל.

וועלגער, מיין קינד, וועלגער. די קלה פון אונזער שטוב איז שוין פארביי. צו דער חופה וועט דיין שוועסטערל קומען... פנים ארון קדש וועט מען דעם יום־טובדיגען פרכת אראבנעהמען, אויף שטאנגען אנציהען. נעבען דער גרויסער שול וועט מען דיין חופה שטעלען... אט, האסטו דיר נאך א קניטעלע. שוין מיט וואקס בעלעגט. וועלגער, וועלגער און זאג:

שוועסטערל מיינע... ניין מאל האט מען דיין קבר'ל געמאסטען. ניין מאל ט'אונזער מאמע דיינע ביינדעלעך געמאסטען. בעט ביי גאט פאר דער יונגסטער שוועסטערל, ער זאל דעם זינד פון איהר היים אראבנעהמען... זאג מיין קינד: אונזער מאמע האט געזינדיגט. זי האט קיין ווארט נישט געהאלטען. שטראפען זאל מען די מאמען, אבער נים איהר קינד'ס יונגע ביינדעלעך...

הנה'לע.

אוי, מאמעלע. אין הארצען ווערט מיר אזוי באנגליך. כ'וועל ליכטעלעך צינדען אין שול ביים ארון קדש. און זאגען, זאגען וועל איך אזוי: ניין מאל האט מיין מאמע מיט אייערע קניטען מיין שוועסטערס ביינדעלעך געמאסטען. ברענט זשע, ברענט זשע, ליכטעלעך. זאל זיך דער פייער פלעמלען אין ביז צום הימעל דערהויבען. זאל עס אין הימעל אלע מלאכים אויפוועקען. בעט רחמים פאר הנה'לען, זי וויל צו דער חופה נים געהן.

פעסיל.

העה איז דער מאמען! וואס רעדט עס איהר קינד?

הנה'לע.

דיין שוועסטערל וועט א נעסטעלע זיך אויסבויען אין גרינעם וואלד אליין. ווי די שטערענדלעך אין הימעל אזוי וועט דיין שוועסטערל אליין אויף דער ערד פערבלייבען. און אז דער חתן וועט צו איהר קומען וועט זי איהם אזוי זאגען: זיי זשע דו א פויגעלע וואס איז אויפ'ן ווינטער אין א ווייט לאנד פערפלויגען. איך וועל זיין א פויגעלע, וואס מען האט אין א שטייגעלע פערשלאסען און ארום — פליהט איהר געליעבטער, קלאפט מיט זיינע פליגעליך אן פערמאכטען שטייגעלע....

פעסיל פערבארגט איהר קאפ אויפ'ן ארעם. איהר נאנצער קערפער ציטערט פאר געוויין.

חנה'לע.

דערפט זיך דער מוטער אויפ'ן האלז.

מאמעלע, וויין ניט. איך וועל צו דער הופה געהן. איך בלאָזען זיידענס וועל איך שטערענדלעך ליכטיגע אויסשטריקען. איינס פאר רחל'ען און איינס פאר חנה'לען... זאג מיר, מאמעלע, וועך וועט איצטער מיין חתן זיין?

פעסיל.

האויל געלערענט וועט ער זיין און אויף זיין קאָפ וועט די שכינה רוהען.

חנה'לע.

און וואס זאל איך איהם זאָגען, אז איך וועל איהם צום ערשטען מאָל זעהן?

פעסיל.

איך בין א יודישע טאָכטער און כ'האָב א כשר הארץ... תורה וועסטו לערנען און איך וועל זיצען אין א ווינקעלע, וועל צו גאָט מתפלל זיין.

חנה'לע.

און כ'וועל איהם זאָגען: איין חתן האָב איך שוין געהאַט, פוילען זיינע ביינדעלעך...

פעסיל.

מיין קינד! מיין קינד!

חנה'לע.

וויין ניט, מאמעלע. אלץ וואס דו וועסט הייסען, וועל איך פאָלגען. און ווען איך וועל מיט מיין חתן אונטער דער חופה שטעהן וועט ער גאָר ניט וויסען, אז נעבען אונז שטעהט דוד'ל און קוקט מיט זיינע טויטע אויגען. און וועט אין אויער אריין שטיל אריינרוימען: „חנה'לע האט אמאָל א חתן געהאַט, דוד'ל האָט ער געהייסען... האָט זי איהם דאָס וואָרט געגעבען....

פעסיל.

מיין קינד, די מאמע וועט פאר טרויער שטאַרבען...

הנה׳לע.

מאַמעלע, כ׳וועל צו דער חופּה גערן. און ווען איך וועל מײַנע חתונה-קלײדער אָנטאָן, וועל איך אַזוי זאָגען: אײן שוועסטערל האָב איך געהאַט האָט מען פֿאַר איהר ווײַסע קלײדער גענייט און געוואָלט צו דער חופּה פֿיהרען, איז דאָס מזל איהרס שלעכט געווען, האָט מען איהר אין ווײַסע תכריכים׳לעך...

פעסיל.

ווער רעדט עס אַרויס פֿון דײַן יונג האַרץ?!...

הנה׳לע.

לעבען וויל דײַן אײנציג קינד. לעבען וויל דאָס האַרץ. און אונטער דער חופּה, אײנאײנעם מיט מיר וועט דער מלאך-המות שטעהן מיט זײַן שאַרפֿער שווערד... ער וועט מיך אַהיים פֿון דער חופּה פֿיהרען...

פעסיל.

דריקט צו זיך הנה׳לען.

שטילער, שטילער... דער מאַמעס האַרץ ווערט צעריסען פֿאַר פּײַן...

שטיל. זיי בלײַבען בײדע זיצען גענאַרעמט. אונטערן פענסטער הערט זיך אימיצענס רעדען.

הנה׳לע.

פּלוצלונג.

כ׳האָב מורא, כ׳האָב מורא. מאַמעלע, מאַמעלע...

צעוויינט זיך קינדיש. קניפּט זיך אַן דער מוטער׳ס האַלז.

פֿינפֿטער אַקט.

בײַ העניאַדין. שפּעט בײַ נאַכט. אין הענגלײַכטער ברענט אַ ליכט. אויפֿ'ן טיש ליגט אַ בערג וועקסענע ליכט.

פעסיל געהט יעדע װײַלע אַרױס פֿון צימער לינקס. אונרוהיג, קוקט לאַנג אַנגעשטרענגט אין פֿענסטער. קוקט זיך אַרום אין שטוב פֿון אַלע זײַטען, פּונקט װי אין שטוב װאָלט זי עפּיס אונהײמליכעס מערקען.

אָרימאַן געהט אַרױס פֿון צװײטען צימער. פֿערטראַכט.

פעסיל.

לאָזט ניט מײַן קינד אַלײן!

אָרימאַן.

קײן בײז, קײן בײז, די מזוזה'ס װעגען כשר'ע, כ'האָב זײ איבערגעזעהן. אין שטאָדט נאָך מענשען װאָלט אפילו ניט שאַדען.

פעסיל.

קוקט איהם אָן מיט חשד.

װאָס רעדט איהר אַזױנס?

אָרימאַן.

גאָט איז מיט אײַך! איך זאָג, אַז גאָט װעט איהר שיקען זײַן רפואה. בײַטאָג איז זי דאָך געװעזען געזונד און פֿריש!

פעסיל.

װאָס מײנט איהר מיט דעם צו זאָגען?

אָרימאַן.

קײן בײז זאָל ניט זײַן, קײן בײז זאָל ניט זײַן... אַזױנע הײַזער שטראָפֿט ניט דער װאָס אין הימעל. מען װעט װאַרטען ביז טאָג, געגען טאָג קומט שטענדיג די ישועה!

ער געהט אין צװײטען צימער.

פעסיל קוקט ווידער אין פענסטער.
הענאך קומט אריין, בלאס. ער בלייבט געבען טיר, דער קאפ צו דער ערד געזונקען.

פעסיל.

נו, וואס? זאג שוין, גיכער!

הענאך.

האסטיגנלאז.

ארום אונז איז נישט פרעהליך...

פעסיל.

האסט אליין מיט דיינע אויגען געזעהן?

הענאך.

אליין מיט מיינע אויגען געזעהן... דער מיל איז געשטאנען מיט די פליגעל צו מזרח. איצטער... געה צום פענסטער... קוק, אפשר איז מיר אין די אויגען פינסטער געווארען.
די קוקען ביידע אנגעשטרענגט אין פענסטער.

פעסיל.

אין פענסטער קוקענדיג.

צום שטוב מיט די פליגעל!

הענאך.

מערב! מיט די פליגעל צו די פענסטער. (טרעט אב אן א זייט) ניט גוט, ניט גוט, אז איך בין שוין געריהרט... צי האב איך איהם אליין ביים קבר מחילה ניט געבעטען?... וואס האט מען זיך אויף מיר אנגעזעצט??!

פעסיל.

הענאך, דו זינדיגסט!

הענאך.

א לעבען פאר א לעבען — כיוויל עס ניט צאהלען!

פעסיל.

הערט זיך צו אנגעשטרענגט.

מיר דוכט, דער מיל סקריפעט... ווי מען האלט איהם דרעהען.

הענאך.

קוקט פארזיכטיג אין פענסטער, שטעהענדיג פון ווייטען. שעפטשעט.

ער דרעהט זיך... וועה, מיט דיינע ליכטיגע אויגען. קוק, מען פאדערט א נפש פון מיין שטוב, מען פאדערט...

פעסיל.

וואלטען בעסער דער מאמע׳ס אויגען אויסרינען!....

ארימאן.

געהט ארויס פון שטוב אונרוהיג.

איהר זינדיגט דארט מיט אייערע מיילער. עפיס... ביזיים ניט אויף געווים. ס׳דוכט, איהר פנים איז פערענדערט געווארען. צי שלאפט זי...

פעסיל אילט אין צימער אריין.

הענאך שטעהט פערטראכט. האלט זיך פאר׳ן קאפ מיט ביידע הענד.

פעסיל.

רופט פון צימער.

הענאך! גיכער, מיר וועלען פערביי!

הענאך.

איז זיך מישב צו געהן.

פעסיל.

הענאך! הענאך!

הענאך.

געהט אין צימער אריין, מאכט האסנוגלאז מיט׳ן האנד.

נאך אלעמען...

ארימאן מאכט די מזוזה. שעפטשעט האס.

הענאך.

לויפט ארויס. האלט דעם ארימאן.

איך בין א פליג, א זינדיגע פליג. איך פאלג.

ארימאן.

קומט, לאמיר משנה מקום זיין. לאמיר איהר מיט׳ן בעט אהער אריינטראגען!

פעסיל.

הענאך! הענאך!

הענאך און דער אריםאן געהען אין צימער אריין. אין א ווײַלע ארום קערען זיי זיך צוריק. זיי טראגען חנהילען מיט'ן בעט אין שטוב אריין.

פעסיל.

געהט נאך פערשטומט. ברעכט די הענד.

אין אזא שעה, וואס מען טראגט דיך איבער אין אנאנ־דער שטוב, זאל דאס שלעכטס פון דיין גוף אבגעטאן ווערען.

זיי שטעלען די בעט אויס'ן מיטען שטוב.

חנהילע ליגט מיט פערמאכטע אויגען אונבעוועגליך. דאס געזיכט ראז.

הענאך.

ביי דער מזרח־וואנד שטעלען!

אריםאן.

ביי דער מזרח־וואנד, ביי דער מזרח־וואנד, פון דארט גע־הען אלע תפלות אויף...

פעסיל.

נעבען די פענסטער... ניין, ניין! אין מיטען שטוב...

בלייבען שטעהן ארום בעט.

חנהילע.

ניט בעוועגענדיג זיך. רעדט גאנץ קלאר.

אלע שטעהען ארום מיר.

פעסיל.

פאטער, ליעבער!...

הענאך.

רעדט הויך, ווי ניט ביים פערשטאנד.

הענאך! אויף דיר וועט הײַנט די גאנצע שטוב איינפא־לען!...

פעסיל.

שווייג, שווייג!...

ארימאן.

שווייגט, קיין ווארט!

חנה׳לע.

ברענגט מיר אהער מיינע ווייסע קליידער. די ווייסע קליידער מיט די שטערענדלעך, וואס מען האט מיר צו דער חופה געגרייט... (אלע שווייגען) ברענגט מיר דעם שלייער אהער...

הענאך.

רויק.

אז מען רופט, טאר מען ניט אבזאגען.

פעסיל ווינקט, ער זאל שווייגען.

חנה׳לע.

מאמע... דו שרעקסט זיך פאר דיין אייגען קינד. אזוי האב איך דאך שטענדיג גערעדט... ברענגט מיר מיינע חופה-קליידער.

פעסיל.

גאט׳ס נאמען האב אין זינען, גאט׳ס נאמען!

חנה׳לע.

מיט דעם זעלבען בעפעהלענדען טאן.

מיינע חופה-קליידער. וואס שווייגט איהר? ער שטעהט איבער מיין בעט. ער לאזט מיר ניט רוהען... ער שענקט ניט. איך זאל מיט איהם צו דער חופה געהן. ער ווערט פערוואגעלט פון וועלט צו וועלט. ער וועט קיין רוה ניט האבען, ביז ער וועט אונטער דער חופה מיט מיר ניט שטעהן... איהר זעהט קיינעם ניט אין שטוב?...

שטיל. אלע קוקען זיך אום.

פעסיל.

שעפטשעט.

שטיין און ביין ווייסען פון זייער רוה, אזוי זאלסטו דיין רוה געפינען. פערלאז מיין קינד, איך וועל טאג-טעגליך מיינע תפלות שיקען צו גאט פאר דיין רוה!

הנה׳לע.

ברענגט מיר מיינע חופה-קליידער!

אָרימאַן.

שטעפּשעט.

מען מוז פאָלגען... מען דאַרף פאָלגען...

העניאַך.

ברענגט פון צווייטען צימער איהרע חופה-קליידער.

אַנטאָן, אַנטאָן...

הנה׳לע.

רעדט, בעת מען ציהט אויף איהר די קליידער.

כ׳האָב קיין תקיעת-כף ניט געהאַלטען... כ׳האָב דאָס וואָרט געבראָכען... צוליעב מיר איז ער פון דער וועלט געגאַנגען... מען טרייבט איהם, ער זאָל מיך ברענגען... ער זאָל אָהן מיר ניט קומען...

אָרימאַן.

שעפּשעט.

אַזוי וויל גאָט, אַזוי וויל גאָט... איהר מוזט איהר באַגעהר ערפילען...

העניאַך.

איך וועל פאָלגען... איך וועל פאָלגען.

פּעסיל.

זאָלען דער מאַמעס אויגען בלינד ווערען...

הנה׳לע.

דעם ווייסען חופה-שלייער!...

העניאַך.

העניאַך דער מילנער איז אויף אַלץ גרייט!

ער טראָגט צו איהר בעט איהר חופה-שלייער. מען טוט איהר איהם אָן.

פּעסיל קוקט אויף העניאַך׳ן מיט גרויס שרעק.

פרץ הירשביין.

חנה'לע.

צינדט אן דעם שבת'דיגען הענגלייכטער... ליכט אין אלע רערען...

הענאך צינדט אן פיבערהאפט ליכט פון די, וואס ליגען אויפ'ן טיש און צושטעלט זיי אין די רערען פון הענגלייכטער.

חנה'לע.

צינדט אן ליכט און שטעלט זיך ארום מיר... (שטיל) מיט ליכט ארום מיר...

ארימאן.

ציטערט.

זאל מען...

הענאך איילט אין צווייטען צימער אריין. זיי קוקען איהם נאך.

חנה'לע.

צינדט אן ליכט ארום מיר... אלע מיט ליכט!

פעסיל צינדט אויטאמאטיש אן ליכט פון טיש און שטעלט זיי ארום איהר צוקאפענס.

הענאך.

געהט ארויס פון צימער, אנגעטאן אין זיינע שבת'דיגע קליידער, מיט טלית און קיטעל אריבערגעווארפען.

דעם טאטען א ליכט... מיר... (ער צינדט אן א ליכט) איך בין גרייט!... הענאך דער מילנער געהט מיט זיין קינד!...

חשון, תרס"ח.